UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn No. 32, January 1963 - Entire Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/7bf174j3

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 32(1)

Publication Date
1963

Copyright Information
Copyright 1963 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

# 32

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון״

שבט, ה׳תשכ״ג — יאַנואַר, 1963

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט:


יצחקי: מחשבות אין דער הויך (עסיי) — 3

אלף כץ: „אַ מאָנאָלאָג פון אַ זעברע“ (פּאָעמע) — 7

לוי גאָלדבערג: „דער פּיינט“ (ליד) — 8

מאַטעס דייטש: „דאָס דריטע אויג (איינדרוק און רעצענזיע) — 9

שמעון וואַוזעק: „אַ חלום“ (ליד) — 15

יחזקאל בראָנשטיין: „מלכה לי, אין ליכט פון דורות“ (רעצענזיע) — 16

ישראל גובקין: „דער פּתרון“ (ליד) — 21

י. פרידלאַנד: „שלומקע דער יתום“ (דערציילונג) — 22

ז. בונין: „אין גאַנג פון לעבן“ (ליד) — 29

ליזע גאָדקעוויטש־שאָר: רוסישע לידער (יידיש: ל. פ.) — 30

י. פ.: צו די שלושים פון ליזע שאָר (נעקראָלאָג) — 31

פּינטשע בערמאַן: „אַ טאָג איז געקומען“; „כ'טראָג דעם יום־טוב ווי אַ פּאַקל“ — 33

נח גאָלדבערג: „דער שטאָלצער טאַטע“ (דערציילונג) — 34

יהושע ריווין: „ריר זיך פּירער פּאָר“ (ליד) — 40

ד״ר א. שראַגענהיים: „50 יאָר העברעאישער רענעסאַנס אין אַמעריקע“ (עסיי) — 41

אסתר שפּאַנקע: „מיטן כוח פון זיידנס שטעקן“ (מעשה) — 42

חנה בושעל־סאָלאָוו: „לאַנד פון אונדזערע חלומות“ (ליד) — 45

יצחק ניומאַן: „די עטיק פון תלמוד“ (עסיי) — 46

גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד: „אין מאָמענטן פון אומרו“ (סקיצע) — 50

ליטעראַרישע באַטיצן — 53

חבל על דאבדין (נעקראָלאָגן) — 55

אָפּרופן פון חשובע שריפטשטעלער — אויפן בוך „אין טעג פון געראַנגל“ — 56

נייע ביכער און זשורנאַלן — 58

א. באַביטש: „פעדער־שפּריצן“ — 59

אָפּרופן פון פריינט און לייענער — 60


# "HESHBON"

*Quarterly Review of Literary and Cultural Activities*


I. FRIEDLAND, *Editor*

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

מבוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

MATTES DEITCH - 1246 N. Orange Dr. - Hollywood 38, Calif.

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100

# חשבון

• פערטל־יאַר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען •

י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר — מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר

9טער יאָרגאַנג, נומער 32 • שבט תשכ״ג, יאַנואַר 1963 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.



יצחקי


## מחשבות אין דער הויך

### מכוח ביכער, שרייבער און לייענער

אַפט מאָל קומט מיר אויף אַ מחשבה, וועגן דעם מצב פון יידישן בוך, וועגן דעם גורל פון יידישן שרייבער און די ראָל פון יידישן לייענער. ס'איז בישט קיין חידוש וואָס דער שעפערישער שרייבער טראַכט תמיד וועגן דעם ענין פון ביכער און לייענער — פאַר וועמען דאָס בוך ווערט געשאַפן; און, דער שרייבער איז דאָך דער נוגע בדבר, אים קומט דאָך אויס צו באַגעגענען זיין מאַיעסטעט דעם לייענער פּנים אל פּנים, פון צייט צו צייט, און ער זעט און פילט זייער אָפט די באַציאונג און רעאַקציע פון דעם לייענער צום יידישן בוך און בכלל צו יידישע קולטור־ווערטן.

דאָס וואָס ווערט דאָ געזאָגט איז ניט סתם מוסר־רייד אָדער טענות צום יידישן לייענער! ס'איז מער טראַכטעניש אין דער הויך, וועגן דעם איצטיקן מצב, וועגן דעם עצם פאַקט ווי ער איז און ווי ער מאַניפעסטירט זיך אין אונדזער סביבה ביי אַ סך געלעגנהייטן... די אינערטע און נעגאַטיווע באַציאונג צום יידישן בוך און יידישע קולטור־ווערטן זיינען ניט דווקא אויסשליסלעכע אַטרי־בוטן אויף דער פּראָווינץ, נייערט אייגנשאַפטן און אַ מצב איבער דעם גאַנצן יידישן אַמעריקע, דעם גרויסן יידישן ניו־יאָרק אַריינגערעכענט; ניט מער אויף דער פּראָווינץ, וואו דאָס גייסטיקע לעבן און סביבה איז מער בינדענד און אינ־טימער, מערקט זיך עס בולטער און שאַרפער...

עס איז פאַראַן אַ מאמר, אַז „ביי זיך אין שטאָט איז מען ניט קיין נביא.״ אויף דער פּראָווינץ, וואו מען קען דעם שרייבער כמעט ווי אַן אייגענעם מענטש, איז די גייסטיקע און מאָראַלע באַציאונג צום שרייבער ניט אַזאַ געהויבענע ווי זי איז פון דער ווייטנס, מחוץ זיין וואוין־אָרט.

דער דורכשניט־לייענער פון דער יידישער צייטונג, „פאָרווערטס״ אָדער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״ (און די זיינען דאָך איצט די איינציקע צוויי טאָג־צייטונ־גען אין דער גרויסער צעשפּרייטער אַמעריקע) — ווייסט בלויז דער לייענער פון די שרייבער, וואָס ער זעט געדרוקט אין זיין צייטונג. די אַנדערע שרייבערס, וועלכע האָבן ניט קיין צייטונגען וואו צו דרוקן זייערע שאַפונגען, זיינען צום

ציישונג־לייענער ניט באַקאַנט, כמעט ווי פרעמד. אַזוי, אַז דער שרייבער מחוץ דער ציישונג, בעיקר אויף דער פּראָווינץ, וואו קיין יידישע צייטונג דערשיינט לחלוטין ניט, איז ער, דער שרייבער, צום לייענער ניט באַוואוסט, און זיין איינ־ציקער צוטריט צום לייענער איז, דורך זיינס אַ בוך. און אַרויסגעבן אַ יידיש בוך איז אויך ביי אונדז ניט אַזוי פּשוט.

ביי די אומות העולם איז דער ענין פון אַרויסגעבן אַ בוך אַ סך פּשוטער: קודם כל איז דער לייענער מיטן שרייבער פון אַ גאַנץ ווייטער דיסטאַנץ; באַגע־געגנען זיך זעלטן פּנים אל פּנים; פון ווייטנס האָט דער שרייבער אַ מער בכבודיקן אָנזען... ביי זיי, ביי די ניט־יידן, זיינען פאַראַן פאַרלאַגן, ביכער־אַרויסגעבער, וואָס זיינען זיך מתעסק מיט דעם פאַרשפּרייט פון בוך; זיי האָבן אפילו אַ סטאַף פון קריטיקער און רעצענזאַנטן. איז דאָס באַטרעפנדיק בוך פונם שרייבער אינטע־רעפּאַנט געגוג פון פאַרלעגערס קוק־ווינקל, גיבן זיי עס אַרויס אויף זייערע אייגענע קאָסטן, און עס האָט נאָך אפילו די זכיה צו ווערן אַ „בעסט סעלער“... ס'האָט שוין ביי זיי ניט איינמאָל געטראָפן, אַז ס'איז מיטאַמאָל אַנטדעקט געוואָרן אַ נייער גרויסער שטערן!...

ביי אונדז קאָנען אַזעלכע נסים ניט געשען. ביי אונדז זיינען די רוב ביכער „בעסט סעלערס“ אין די „קעלערס“. מיר האָבן ניט קיין נאָרמאַל פונקציאָנירנ־דיקע פאַרלאַגן, מחמת מיר האָבן נישט קיין גרויסע לייענער־פּעריפעריע. לייענער פון יידישע ביכער זיינען פּראָפּאָרציאָנעל געציילטע, געקליבענע. דער יידישער שרייבער וואָס גיט אַרויס אַ בוך, איז ער דאָס רוב אָפּהענגיק פון דעם אַבאָנענט־לייענער, און ווען ניט די ביכער־קאָמיטעטן און פריינד פון שרייבער, וואָס האָבן צו אים אַ נאָענטערע באַציאונג, וואָלטן אַ סך ביכער נישט אָנגעזען די ליכטיקע שיין; די מאַנוסקריפּטן זייערע וואָלטן געבליבן ליגן און צעשפּאַרט זייערע שופלאָדן...

אויך דאָ און דאָרטן גיט אַמאָל אַ שרייבער אַרויס אַ בוך אַליין, פון זיין אייגענעם פאַרלאַג — „אַ ל יי נ י נ ו“ — אַליין דער אַרויסגעבער, אַליין דער פאַרשפּרייטער.

דאָס איז כמעט כוללדיק פאַרן רוב שרייבערס, וואָס גיבן אַרויס יידישע ביכער, חוץ אפשר פון די געציילטע שרייבער וואָס שטייען נאָענט ביי דער ליטעראַרישער אַכסניה, פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן אין ניו־יאָרק. אויך דאָרט איז ניט גאָר הצלחהדיק. ווייסט איר, אַז טויזנט עקזעמפּליאַרן איז דאָס מ אַ ק ס י מ אַ ל ס ט ע וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון די פּאָפּולערסטע יידישע שרייבער, וואָס אַרבעטן ביי דער יידישער פּרעסע? און זיי האָבן אַ פרייען צוטריט צו דער צייטונג, פאַר פּובליסיטי, און אויך רעצענזיעס איבער זייערע ביכער פון זייערע נאָענטע קאָלעגן, מיט וועלכע זיי אַרבעטן צוזאַמען. דאָך, אויך זיי דרוקן ניט אָפּ מער ווי טויזנט עקזעמפּליאַרן פון זייערס אַ בוך, און, אַ היפּשע צאָל פון די טויזנט ווערט נישט פאַרקויפט. י. מעצקערס גאָר פיין בוך: „אויף מיין זיידנס פעלדער“ — אַ פּאָר יאָר נאָך דעם ווי דאָס בוך איז דערשינען — האָט דער „פאָרווערטס“שטאַרק רעקלאַמירט דאָס בוך צום פאַרקויף אויף אַ רעדו־צירטער פּרייז. משמעות אַז ס'איז געבליבן אַ צאָל ביכער ניט פאַרקויפטע. אגב, האָט יעקב גלאַטשטיין בשעתו, טאַקע רעאַגירט דערויף...

דאָך, ניט געקוקט אויף דעם שלאַבערדיקן מצב פון יידישן בוך, ווערן לעצטנס אַרויסגעגעבן מער ביכער ווי ווען עס איז אין דער געשיכטע פון יידישן בוך־וועזן.

— ריכטיק — האָט מלך ראַוויטש אין זיינען אַן עסיי וועגן דעם ענין באַמערקט: „קיין שרייבער קאָן שוין ניט מער נאָכפּאָלגן, שריט ביי שריט, דעם גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור איבער אַלע פינף קאָנטינענטן.‟ אַזוי פיל ביכער ווערן איצט אַרויסגעגעבן פון אַלטע און נייע מחברים. יעדער שרייבער וואָס גיט אַרויס אַ בוך, האָט פאַרשיידענע דערפאַרונגען בשייכות מיט דעם אויפנעמען פון זיין בוך. דער מחבר קען לערנען אַ סך פון דעם קלימאַט אין זיין סביבה, און פון דער באַציאונג פון דעם לייענער צום יידישן בוך בכלל.

אַ לייענער, למשל, זאָל זיך אַליין אַנשלאָגן צום מחבר אָדער צו זיין בוך־קאָמיטעט, אַז ער וויל האָבן זיין בוך, ווי ס'איז געווען אין די גוטע אַלטע צייטן, ווען דער מחבר איז איצט באַטראַכטן ווי אַ זעלטענעם „ספּעסימען‟, ווי איינעם ניט פון דעם פּלאַנעט!... צום רוב לייענער דאַרף מען צושטיין, אָדער אָנגעבן כל־ערליי סיבות אים צו באַזוכן פאַר דעם...

קאַלעגע א. באַביטש האָט געהאַט אַ כאַראַקטעריסטישן מאמר אין זיינע „פעדער־שפּריצן‟ בשייכות מיט דעם ענין:

„בעת י. י. שוואַרץ, באַוואוסטער פּאָעט, איז געווען אין ל. א. און ער האָט פאַרגעשלאָגן זיין איבערזעצטן בוך פון יהודה הלוי צו אַ רייכן יידן. האָט דער ייד זיך אָפּגעזאָגט מיט דעם תירוץ — אַז ער קויפט ניט קיין ביכער! האָט דער חבר, וואָס איז געווען דערביי, שטיל אַ זאָג געטאָן צום גביר, אַז יהודה הלוי האָט איבערגעלאָזט נעבעך אַ יונגע אַלמנה מיט פּיצלעך קינדערלעך! דאָס האָט אַ צופּ געטאָן דעם נגיד ביים האַרצן און האָט אַ זאָג געטאָן: — פאַרוואָס האָט איר מיר דאָס ניט דערציילט פריער?... און ער האָט אויפן אָרט אָנגעשריבן אַ טשעק פאַר יהודה הלויס אַלמנה מיט די קינדערלעך...‟

אַ יידישער שרייבער, כדי צו פאַרשפּרייטן זיין בוך, מוז האָבן אַ גרינדלעכע סיבה מ'זאָל דאַרפן אויף אים רחמנות האָבן: ער דאַרף זיין אַן אינוואַליד, אָדער אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. דאָס הייסט, אַז ניט דאָס בוך ווערט גענומען אין באַטראַכט אין דער ערשטער ריי, נייערט אין וואָס פאַרא מצב דער באַטרעפנדיקער שרייבער געפינט זיך?.. דער עם־הספר איז אַ גרויסער בעל־צדקה אויף שפּיטאָלן, יתומים אנשטאַלטן וכדומה. אמת, דאָס איז בויטיק און אַ לויבנווערטע טואונג, אָבער צום ענין פון יידישן בוך און יידישע קלטור־ווערטן איז מען צום באַדויערן אינערט.

טיילמאָל טראַכט איך, אפשר איז די גלייכגילטיקע באַצאונג צום יידישן בוך ניט אַזוי שולדיק דער לייענער, ווי דער שרייבער גופא: מען טראָגט אונטער דעם לייענער צו אָפט ביכער אומפאַרשטענדלעכע. דער פועל־יוצא פון דעם איז, אויב דער לייענער נעמט שוין יאָ אַמאָל אַזאַ בוך, צי עס איז פּאָעזיע אָדער פּראָזע, לייענט ער איבער עטלעכע בלעטלעך און לייגט עס אַוועק. אַזוי אַז ניט תמיד איז עס די שולד פונעם לייענער. — ליטעראַטור, די סיפור המעשה פון דער דערציילונג אָדער נאָוועלע דאַרף קודם כל זיין גייסטיק פאַרווילעריש! דער לייענער וויל הנאה האָבן פון דעם געלייענטן און ניט באַשווערט זיין מיט „שווערער אַרטילעריע.‟ אַז אַ לייענער ווערט היינגעריסן פון דער סיפור המעשה

מיט אינטערעס, וועט ער שוין דאָס בוך נישט אוועקלייגן ביז ער וועט עס האָבן איבערגעלייענט. דער לייענער וועט גיכער נעמען אַ בוך פון וועלכן ער וועט הנאה האָבן, איידער גיין אין אַ נאַרישער „מואווי", ווי ס'איז ס'רוב דער פאַל, און פון דאָרטן אַרויסגיין אַ פאַרשעמטער און באַליידיקטער פאַר זיין אָדער איר אינטעליגענץ.

דאָך, ווערן אפילו גייסטיק־פאַרווילערישע ביכער וויניק אויפגענומען — פאַרוואָס? מחמת מ'האָט פשוט אָפּגעוואוינט דעם לייענער פון לייענען, און ער האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַר דעם יידישן בוך...

דער דורכשניט לייענער שטעלט זיך איצט צופרידן מיט די נייעס און די אַנגעפּיקעוועטע ראָמאַנען, וואָס פאַרנעמען היפּשע זייטן פון זיין צייטונג וואָס ער לייענט; מיט דעם איז אַ גרויסער טייל לייענער שוין יוצא.

וואָס שייך די קריטיק איבער יידישע ביכער, איז ווערט צו באַמערקן אַ מאָדנע אומגינסטיקע סיטואַציע. בעת די פּראָדוקציע פון יידישן בוך איז גע־וואַקסן אין איכות און אין כמות, איז די קאָנסומציע געוואָרן אומגעהויער שוואַך, כמעט צו אַ מינימום, און, קיין אָפיציעלע קריטיק איז ביי אונדז לחלוטין איצט ניטאָ. די שרייבער וואָס אַרבעטן ביי דער פּרעסע טאָג איין טאָג אויס, שרייבן אויך צופעליק אַמאָל אַ רעצענזיע איבער אַ בוך; אָבער, זיי קאָנען ניט אויספילן אָט דעם חלל וואָס האָט זיך געשאַפן ביי אונדז במשך די לעצטע עטלעכע יאָר.

ניט לאַנג צוריק האָט י. באַשעוויס, באַרימטער שרייבער אין „פאָרווערטס", זיך אויסגעדריקט מכוח דעם ענין קריטיק אויף אַזאַ אופן: „איך באַקום — זאָגט ער — צוגעשיקט ביכער אָן אַ שיעור צום רעצענזירן, אָבער וואָס וויל מען פון מיר! ווער האָט עס די צייט זיך אומצוקוקן אויף זיי! שוין אָפּגערעדט אפילו פון אַ בלעטער צו טאָן; בלייבן די ביכער ליגן ניט באַרירט אפילו"!...

און ער איז ניט דער איינציקער מיטאַרבעטער אין אַ טאָג־צייטונג וואָס באַקומט צוגעשיקט ביכער צום רעצענזירן. די דאָזיקע שרייבער ביי דער יידישער פּרעסע האָבן ניט די צייט אפילו אַריינצוקוקן אין די ביכער. יעדער פון זיי האָט אויסצופילן כלערליי שרייבערישע פונקציעס ביי דער צייטונג אין וועלכער ער איז באַשעפטיקט. דער זעלבער באַשעוויס שרייבט אין „פאָרווערטס" אונטער פאַרשידענע נעמען. און טאַלאַנטירטע שרייבער, וואָס אַרבעטן ניט אין קיין צייטונג, האָבן זעלטן אַ געלעגנהייט אָפּצודרוקן אַ זאַך אָדער אַ רעצענזיע אין אַ טאָג־צייטונג. ווי אַ רעדאַקטאָר פון אַ שריפט, באַקום איך אָפט בריוו פון אָנגעזעענע שרייבער, אַנפרעגנדיק, אפשר קענען זיי געפינען אָן אָרט אין „חשבון" פאַר אַ געוויסער אָפּהאַנדלונג אָדער רעצענזיע.

ש. ניגער ע"ה האָט אַמאָל באַמערקט בשייכות מיט דעם ענין: „ווען איך קריג אַ בוך פון אַן אומבאַקאַנטן און באַקאַנטן שרייבער — נעם איך לייענען דעם לעצטן, און דעם אומבאַקאַנטנס בוך לייג איך אוועק." דער רוב יידישע קריטי־קערס האַלטן זיך ביי אָט־דער גאַרניט וואַזשנער מעטאָדע...!

דאָס איז דער מצב פון יידישן בוך, פון יידישן שרייבער, און די ראָל פון יידישן לייענער אין אונדזערע טעג.

אלף כּץ

# מאָנאָלאָג פון אַ זעברע

אַ זעברע וואָס איז,
ווילט איר וויסן, טאָ הערט —
„אַ פערדישער טיגער,
אַ טיגעריש פערד.”
אַזוי זאָגן יעגער
מיט חוזק און שפּאַסן:
„אַ זעברע אַ פערד איז
מיט טיגערשע פּאַסן.”

ער נעמט מיך אַרום
אַזוי גוט, און איך דאַוון,
און בין פאַרן כלל אויך
מיין תפילה מכוון,
מיין תפילה צום הימל
ער זאָל אונדז פאַרהיטן,
עס זאָל אונזער לעבן
נישט ווערן פאַרשניטן.

איז וואָלטן די גרויסע
חכמים גערעדט נאָר,
און וואָלטן מיט זייערע
מיילער געשפּעט נאָר,
מיר וואָלטן, איך זאָג,
נישט געוואָרן בדלות
אפילו פון טיטל:
„אַ פערד מיט אַ טלית.”

מיר וואוינען אין עק וועלט
און טשעפּען נישט קיינעם,
און דאַנקען און לויבן,
ווען אונזערע שכנים
באַמערקן אונדז נישט... נאָר
דער עיקר מיר בענטשן,
ווען ס'קומען צו אונדז נישט
קיין לייבן און מענטשן.

פון נאַרישע ווערטלעך,
אפילו מיט ציינער,
עס איז פון דער וועלט
נישט געגאַנגען נאָך קיינער,
בפרט נאָך אַז איך בין
גאָר שטאָלץ מיט דעם טיטל—
דער טלית ביי מיר איז
אַ וואונדערלעך מיטל:

פון לייבן מיט לאַפּעס
און מענטשן וואָס שיסן,
עס ראַטעווען נישט נאָר
די פיס, מוזט איר וויסן,
נאָר אויכעט די גיכיקע
תפילות וואָס קומען
פון אונדזערע הערצער
מיט ציטער מיט פרומען.

איך פיל אויף מיין לייב
זיינע שטרייפיקע זמירות,
און, גלויבט מיר, נישטאָ נאָך
קיין שענערער שיר איז
פון ניגון, וואָס ווערט
אויף מיין ווייזן פאַרצויגן
און טוט מיך באַהאַלטן
פון פיינטלעכע אויגן.

איז דאַוונען, לויפן,
און גיך, קיינעם אַרע,
קענען מיר, ברוך השם,
פון אַ צרה,
עס ווענדט זיך נאָר ווער
ס'איז דער מלאך ביים טויער,
ווען אונדזער געבעט
טוט דערגרייכן זיין אויער.

געהערט האָב איך זאָגן
אַן אַלטן זעברייער,
וואָס איז אין די זאַכן
אַ גרויסער פאַרשטייער,
אַז ליידער נישט שטענדיק
דער מלאך פון תּפילות
פאַרשטייט די זעבראַאישע
פירוש המילות.

און אויב, ווי עס טרעפט,
עס פּאַרצופן אונדז ציינער,
איז שולדיק דערין טאַקע
נאָר, ווייזט אויס, איינער —
דער מלאך פון תּפילות,
וואָס קען נאָר העברעאיש,
ווייל מיר, נעבעך, דאַווענען
בלויז אויף... זעבראַאיש.

**לוי גאָלדבערג**

## דער פיינט

דער פיינט וואָס דיר באַפאַלט, האָט שפּיץ־געשניצטע נעגל
און ווערטער קאָכיקע, וואָס דער טעם פון זיי איז סם.
דער פיינט וואָס דיר באַפאַלט, איז דער אורשפּרונג פון אַ חם
מיט געבליצטע שנאה, אויף דעם זידל, און געשלעגל.

ער גרעניצט פון דער טיפער ווּיסטעניש, צו מאַכן עולה־רגל
אין ליגנערישע רייד, אויף צו שעדיקן דיין שם.
ער קומט אָן ווי אַ זלידנע פליג, מיט איר בייסעניש און פלעם,
דיך אָנצוגרייפן, און אַ הינטערוויילעכסטן געיעגל.

דו היט זיך אויס פון אים.— און אַלע דיינע פרומע לאַסטן
טו אָן אויף די ביינער פון דיין אומגעשיצטן גוף;
און ווען פון טאָג דעם זונען־פאַרהאַנג, גאָט הויבט אויף —
דריי מאָל אין אַ תענית זאָלסטו פאַר „זיין" יושר פאַסטן —

וועט ער באַשירעמען דיין לעבן פון דעם פיינט, דעם שלעגער,
וואָס קומט צום קרבן, אָנגעצילט, מיט די פיילן פון אַ יעגער.

ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון דעם „חשבון"

**מאַטעם דייטש**

# דאָס דריטע אויג

## (לייענענדיק „אין טעג פון געראַנגל" פון י. פרידלאַנד)

די יידישע „פען" האָט דערגרייכט אַזאַ פעאיקייט צו פרוכפערן איר שפע, אַז ס'איז צו באַוואונדערן אירע אַנטיילנעמער; זי האָט אַרויסגעפירט זשוואַוועדיקע פען־מענטשן אויף דער פּראָווינץ, וועלכע אָריענטירן זיך אין צייט, סביבה און אין ליטעראַרישקייט. ס'איז נאָר אַ וויטיק וואָס מיר האָבן ניט קיין צושטראָם פון יונגע לייענער. מיר וואָלטן געוויס געהאַט גוטע וואָכנבלעטער, זשורנאַלן און אפילו אַ פאַרלאַג־וועזן; אויך אַ ספּעציפישע קריטיק, וואָס וואָלט זיך געלאָזט הערן מיט איר ענערגישער שטים פון דער פּראָווינץ־אַרויס צו דער עיר ואם — ניו־יאָרק.

שפּראַך איז שרייבערישע כלי־זיין; אָן די אינסטרומענטן קאָן גאָרניט געמאָלט זיין קיין ווערקשאַפט... איז קודם כל דאַרף מען געבן דעם שרייבער קרעדיט פאַר זיין ריין האַלטן זיינע שרייבערישע כלי־זיין.

אויף י. פרידלאַנדן האָט גרויס השפעה געהאַט דער צייט־גייסט פון דער שפּראַך; עס זעט זיך בולט אָן אין אַלע ווינקעלעך פון זיין שרייבן. די שפּראַך איז ביי אים פון היינט־צו־טאָג; אַ איצטיק פּראָדוקט. איז גוט אַזוי. ווייל שפּראַך איז דאָך דאָס דריטע אויג ביים שרייבער. וואָרעם מיט ד ר י י אויגן זעט מען ניט בלויז דאָס אויבנאויפיקע, נאָר מע דערזעט זאַכן וואָס מיט דער געוויינלעכער ראיה וואָלט מען ניט דערזען.

אַוודאי וועט שפּראַך אַליין טאַקע ניט זעען אָבער ווען דער שרייבער זעצט זיך צום שרייב־טיש און האַלט די פען איבערן פּאַפּיר, פירט אים דאָן דאָס לשון אַליין שוין צו פונקטן, וועלכע מיט די געוויינלעכע אויגן זעט ער ניט די אַלע זאַכן ווי דאָס ד ר י ט ע אויג זעט זיי. דאָס דריטע אויג איז — שרייבעריש לשון...

אַי, דאָס שרייבערישע לשון!

עס איז ביכולת צו ברענגען דעם שרייבער פירסום אָדער פאַרקערט — גאָר אַ סך שמאַך... צוליבן לשון קאָן מען איינס און צוויי אַראָפּרייסן זיין דאַך!

און וואָס איז זיין דאַך? טאַקע ווידעראַמאָל זיין לשון; עס האַלט אונטער די באַלקנס אַזוי, אַז דאָס געזאָגטע, דאָס געשריבענע זאָל ניט פון קיין שניי און ניט פון קיין רעגן געשעדיקט ווערן. צוערשט דער רעגן — פאַרפּלייצן און עס אַראָפּטאַסקען אין דעם נידעריקסטן טאָל אַריין; דאָס צווייט מאָל דער שניי — זיך אַ צעשמעלץ טאָן און דאָס גיך אַראָפּשווענקען.

פרידלאַנד'ס שרייבן איז באַוואָרנט מיט אַ גוטן דאַך.

סע פאַרמאָגט שפּראַך־ווערטיקע־ווערטער — אָן אוצר וואָס קיין שום באַנקיר קאָן זיך עס ניט איינשאַפן ביט־מיר־ניט־דיר; ס'נעמט יאָרן ביז מע זאַמלט אָן אַזאַ וואָרט־פאַרמעגן. מע דאַרף האָבן אַ סך געלייענט; און לייענען אַליין איז נאָך ניט קיין תרופה; עס פאָדערט זיך אָן אָפן אויער, בעסער געזאָגט, א י י ן אויער אָן אָפנס און דאָס צווייטס דאַרף זיין אַ פ אַ ר מ אַ כ ט ס, כדי ס'זאָל באַלד ניט אַרויספליען דורך דעם. ווייל אַ סך לייענען. אָבער אַזוי שנעל ווי עס גייט אַריין דורכן ערשטן, פ ל י ט עס אַרויס דורכן צווייטן.

דערפאַר פעלט ביי אַ סך פען־מענטשן דאָס דריטע אויג — שפּראַך. עס איז ביי זיי פאַרצויגן מיט אַ קאַטאַראַק; פאַר זיי איז דער גאַנצער פליין, שפּראַך־אוצר, נעבעך פאַרטונקלט בעתן שרייבן און זיי זיינען ניט קיין געוויינלעכע נאָר אומבאַהאָלפענע קאַליקעס פון געבורט.

פרידלאַנדן פעלט ניט אויס קיין וואָרט ביים שרייבן; ער דאַרף עס ניט אַרויסציען פון אַרבל חלילה; ער איז אַ וואָרט־האָבער; ער ווייסט וואו עס צו באַגעגענען און ער לאַדט עס איין אויף נאַכטלעגער צו זיך; ער שפּרייט אויס פאַר דעם ווייסע פּאַליאַנטן גאַנץ רחבותדיק. ער איז דאָן אַ וואָרט־עושר און ניט קיין קמצן חס ושלום, ווען ער שפּאַנט איין אין דמע זיין פען — זי שפּרודלט פלייסיק, זי רייט אין שיינע איינגעשפּאַנטע קאַליאַסן.

און, כידוע, אויף קאַליאַסן פאָרן ניט קיין אָרעמע לייט...

אַזוינאַך האָט ער זיך איינגעשאַפן דעם שליסל צום אוצר פון דער יידישער שפּראַך און ער נעמט פאַר זיך פון הערן און געדענקען.

עד כאן בנוגע דאָס ד ר י ט ע אויג — פען־לשון.

וועגן אינהאַלט? דאָס מערסטע פאַרנעמט ביי אים דער רעטראָספּעקט דעם אויבן־אָן. און ער באַווייזט אַז ער איז אַ גוטער געדענקער. ער לעבט אינעם געדענקען און בענקען. אָבער מיר זיינען אויך ניט פון די אַבי־ווער־געדענקער. געדענקען מיר — ווען מיר לייענען זיין שרייבן — אַז ער איז אַ געדענקער און אַ בענקער נאָכן אַוועקגעיאָגטן.

און דאָס איז דווקא ניט נאָר די אַלטע היים, נאָר אויך די אַמעריקאַנער היים. וויל דאָ־הי איז שוין אויך אַ פּאָר דורות אַרויסבאַגלייט געוואָרן אינעם צייט־שטח פון „אַמאָל“ איז געווען...

די אַלטע היים איז, ווי געזאָגט, ביי אים (ווי ביי אונדז אַלע) אַ זכרון־נעסט; די אַמעריקאַנער מיליע ווידער איז אַ זאַך אין וועלכער ער לעבט־מיט, ער איז איר נאָכגעיאָגטע טעמפּאָ. צי אַנדערש אויך — ער ווערט פון איר געטריבן.

אַזוי איז זיין „רוי־ערד“, די זכרונות פון קלאַריאָן — שוין אַ פּראָדוקט פון קאַליפאָרניער ערד. זיין צווייטע היים מיט אַ נייעם אָנהייב פון זיך וועלן איינוואָרצלען צו אַ ווייטערדיקן לעבן. און ער שילדערט עס אין זיין ערשטן בוך.

זיין צווייט בוך איז (רעפּאָרטאַזשן) „פון פּאַסיפיק ביז כנרת“ און זיין דריט בוך: „וואַנדערונגען און נסיונות“, איז ווידער מיט אַ היפּשער קוואַנטיטעט פון ראַנגלענישן פון דער אַלטער היים מיט אַ צוגאָב פּראָבלעמאַטישקייט פון אַמעריקע. דאָס זיינען האַרץ־אַראָפּרעדענישן פון אַ יידישן מענטש, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין זיין לעבן אויף צווי קאָנטינענטן. אָט־אָ־דער כאַראַקטעריסטישער שנור, ביי פרידלאַנדן, ציט זיך אַריין ווי דער הויפּטשיכט אין אַלע זיינע ווערק; עס מיידט ניט אויס זיין ביי־דערשינענעם בוך: „אין טעג פון געראַנגל.“

ס'איז נאַטירלעך אַז ס'זאָל אים פאַרפאָלגן די זעלבע טעמאַטיק, אַלט־היימלאַנד און ניי־היימלאַנד; די זעלבע פּראָבלעמען און ראַנגלענישן; די זעלבן העלדן, בכלל, דער זעלבער טיפּאַזש פון זיינע מיטגייער אין זיין לעבנסוועג.

ס'איז דער רעאַליזם פון דעם אַמעריקאַנעם טאָג־טעגלעכן לעבן, אָבער פּאָרט, יעדער טאָג איז ניט ווי דער פריערדיקער, איז עס דעריבער ביי אים מיט אַ בענקשאַפט וואָס פאַלט אויך אַריין אינעם קעסל פונעם אַ מ אָ ל וואָס עסט אויף אַלע טעג, די רעאַליסטישע אפילו, און סע ווערט אומעטיק — כאַפּט

דער פּעאיקער מענטש זיך פּאַר דער פּעדער, זי זאָל דאָס אַלץ אויסלייזן, כדי ניט פאַרבלייבן אינעם אַרויסגעשטויסענעם דרויסן פון גאָרנישט. ער גיט דעם אפשר אַ קלענערע „דרויסנדיקייט״ אין פאַרגלייך מיט דעם קאַלאָסאַלן דרויסן אין וועלכן דאָס לעבן ווערט אַרויסגעשטויסן אינעם גאָרנישט, דאָך איז עס ביי אים אין אַ היימישקייט־סביבה פון יידישע אותיות און יידישע רייד, וואָס איז אַ שרייבער געגעבן געוואָרן צו פאַרקליידן זיי אין ליטעראַרישע בגדים און פרידלאַנד שאַפט די פּיעטעט פון — מלבוש ערומים...

זיין הויפּט־העלד, יואל, איז ערשט מיט זיין ערשטן טראָט אַרויף אויף דעם אַמעריקאַנעם באָדן — ניו־יאָרק. און דאָ וועט דער שרייבער ווידער דאַרפן צעוויגן זיין זכרון און אַרויסשעפּן דעם אַלטן אַמאָל פון אונדזערע גרינע יאָרן. ער וועט עס טאָן. ווי מיר זעען עס ביים פאַרענדיקן די נאָוועלע:

„שוין ביים פאַרלאָזן דעם האַפן איז מיט אַמאָל לעבן יואלן אויסגע־וואַקסן דער מיסטער ציגלמאַן.

פאַרגעסט ניט, פריינט יואל, ביי אייער ערשטער געלעגנהייט אַריינ־צוקומען אין אונדזער סאָציאַליסטישן אַרבעטער קלוב, אויף איסט בראָדוויי. מיר דאַרפן דאָ אין דעם לאַנד, אַזעלכע באַוואוסטזיניקע, יידיש־סאָציאַליס־טישע יונגע לייט ווי איר, אין אונדזערע רייען. קומט אַריין, למען השם, פאַרגעסט ניט! . . .״

איז לאָמיר האָפן אַז ער וועט אונדז געבן אַ ווייטערדיקן יואל, וואָס זאָל זיין דער פּראָטאָטיפּ פון אַ וולאַדעק, מאָריס הילמאַן, צי דוד דובינסקי.

די צייט און דער לייענער וואַרטן דערויף; אַזוי אויך, נישט ווינציקער די יידישע ליטעראַטור.

דאָס דריטע אויג זיינס וועט עס פאַר אונדז נישט קאַרגן.

---

# רייזל זשיכלינסקי

(שווייגנדיקע טירן״, אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון יידישן פּע״ן קלוב)

רייזל זשיכלינסקי׳ס ליד קומט ניט אַליין צו אונדז, ווייל שטענדיק גייט נאָך נאָכדעם אַן עכאָ און דער עכאָ איז אויך ניט קיין אַליינער, נייערט, ער קומט מיט אַ ווידערקול; דער ווידערקול גופא מיט אַן אָפּקלאַנג פון אָט יענעם בת־קול וואָס מיר האָבן אים נאָך געהערט אין חדר זיצנדיק אויף דער באַנק ביים מלמד׳ס טיש און איצט ווען מיר טראַכטן וועגן דעם, שפּרינגען ניט אַרויס פון קיין העלער הויט אָט יענע אָפּקלאַנגען פון אונדזערע ייִנגלשע יאָרן פון חדר־גיין.

רופט עס וואָס איר ווילט — סע זיינען אַוודאי דאָ גרייטע נעמען דערפאַר— נאָר ווען אונדזער מחשבה כאַפּט זיך אַרויף אויף די פליילצעס פון יענע „באַהעל־פערס״ דערוועקט עס אין אונדז אָפּקלאַנגען וואָס צעוויגן פאַרשיידענע עכאָס וועלכע גיבן אַ ציפּ־צופּ מיט ראָמאַנטישקייט, וואָס שטאָפּלט זיך און מטפּלט זיך מיט פּאָעזיע.

אָט־די עכאָס זיינען די קוואַלן פונעם דיכטערס געהאָרכטן דערהערן.

און דיכטעריש דערהערן פירט צו דערזען און אַריינזעען... דעריבער דריקט זיך איר אימפּרעסיאָניזם אויס קורץ, און רעליף. זי דאַרף ניט אָנקומען צו קיין

לאַנגע לידער. פאַרקערט וואָס קלענער איר ליד, אַלץ בולטער זיינען אירע אימפּרעסיעס און וויזיעס. איר ליד פאַרטראָגט ניט קיין לאַנגע פּאָעטישע יאַזדעס. די אומרואיקייט ביי דער דיכטערין איז גאָר גענייגט צום קפיצת הדרך פון ליד־פונקט; רייזל וויל תמיד וואָס גיכער קומען אַהיים צום ליד... מיידט זי אויס אַנצולייגן וועג; זי שניידט אויס פאַר זיך שטעגעלעך וואָס ברענגען איר אַלעמאָל צום סוף פון איר ליד אומדערוואַרט; על כל פנים ווייזט זיך אונדז אויס אַזוי ביים לייענען איר ליד. דווקא ווען מיר דערוואַרטן נאָך ניט דעם סוף פון אירס אַ ליד, קומט ער דווקא אומגעריכט ווי אַן אָנפלי פון אַ ראַקעטע; אַמאָל ווי פון שאַרפע אַראָמאַטן וואָס דערטראָגן זיך צו דער נאָז — יאַסמין, צי פון אַ שאַרף געקעכץ.

אָט אַזוי־אַ קאָן מען פאַרגלייכן מיט אַ סך ענלעכקייטן וואָס שייכותן זיך אין דער קאָלעקטיווער שותפות אַזוי, אַז זיי פאַראייניקן זיך אין דעם פּאָעטישן געוועב צוזאַמען מיטן ליד. און אָט די אַלע שאַרפקייטן — צי ס'איז אַראָמאַט צי מעטאַפאָר—טוען אויספאָרמירן די פיזיאָנאָמיע און דאָס גאַנצע געשטאַלט פון ליד, כדי סע זאָל ביט זיין ווי נאָך אַ שעפּסעלע אין דער סטאַדע פון—לידער...
אָט לייענט אויף טשיקאַוועס אַזאַ ליד:

## כ'געדענק דאָס אָרט

כ'געדענק דאָס אָרט;
אַ מיידל האָט מיך דאָ געטרייסט אַמאָל
מיט בלאַסע ליפּן.
כ'דערקען די מידע לאָמפּן,
די מענטשן ביי די טישן.
בלויז דער זאָל האָט זיך אויסגעצויגן
לענגער — אין דער אייביקייט אַריין,
דאָס מיידל איז שוין איינע פון די לאָמפּן;

ר. זש. לידער לאָזן זיך זייער געוואונטשן ציטירן. נאָר איך בין דאָס ניט אויסן דעריבער אויסצוניצן; פאַרקערט, איך וויל בלויז מיט די לידער וואָס איך ציטיר דאָ אַ, אונטערשטיצן מיינע פריערדיקע צוגעקליבענע באַמערקונגען בנוגע דער דיכטערינס זשאַנער און אייגנאַרטיקן אופן פון סקולפּטירן אירס אַ ליד; פון דעסענירן אירע גראַווירונגען דורך איר מאָדוס פון פּילערליי שטימונגען.

וועל איך זיך דערלויבן ברענגען נאָך אַ מוסטער־ליד; אָבער מער ניט ווי דאָס איינע, מחמת אַלע אירע לידער זיינען מוסטער־לידער פון דעם מין, וואָס דינען מיר צו מיין טעזיס, אַז איר ליד קומט ניט אַליין צו אונדז; נאָר ווי איך האָב אויבן זיך שוין אַרויסגעזאָגט: קומט מיט אַ ווידערקול פון כלערליי עכאָס.
אָט איבערצייגט זיך:

## געבוירן האָט מיך דער ווינט

געבוירן האָט מיך דער ווינט.
געזויגן דער באַרג;
די לבנה איז געווען מיין וויגל,
אַלטע ביימער האָבן געוויגט מיך צום שלאָף,
די מאַמע איז געווען אַ חלום.

דאָס גרויסע טוך וואָס פלאַטערט פאַר די אויגן —
איז עס וואָלקן אָדער אַ פאַטשיילע ?
דער מאַמעס פאַטשיילע אויף געבויגענער פּלייצע
אין געסלעך קרומע און שטילע ?

געבוירן האָט מיך דער ווינט,
געזויגן דער באַרג,
די מאַמע איז געווען אַ חלום.

די לעצטע דריי פערזן זיינען געקומען פאַר אונדז מיט דרייפאַכן סוף; ער איז מיט דער אומדערוואַרטקייט וואָס מיר האָבן זיך ניט געריכט אויף אים, כאָטש געצילט איז ער צו טרעפן אונדז גלייך אין האַרצן אַריין. און אַזוי האָט עס פּאַסירט.

איר זשאַנער וועט אייביקן אין דער פּאָעזיע ווי לאַנג פּאָעזיע וועט לעבן. מיט דעם כוח וועט איר ליד קיינמאָל ניט ווערן אויס; ס'איז מענטש, דיכטער, פלוס — געמיט.

אַזאַ איז דאָס ליד פון ריידזל זשיכלינסקי, עס לאָקט און נאָגט דעם מענטשן בעת לייענען און נאָכן לייענען ווען ער איז אין דער פאַרגאַפטקייט וואָס דאָס ליד האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט און האַלט אים מטן כוח פון שיינקייט און פּאָעטישע טרעפלעכקייט וואָס די אינדיווידועלע עקספּרעסיע פון דיכטערישער פּערזענלעכ־קייט האָט אויף אים משפּיע געווען.

יעדער ליד איז ביי איר ווי גרויסע מאַלערייען, כאָטש געמאָלן זיינען זיי אויף קליינע קאַנוועס.

ריידזל וויכערט אַפּ אַ ליד און עס ברענגט אונדז צעטאַסקען וואָלקנס, רעגן, בלעטער, ווינט און שניי; אויך בעטלער, שכנים, שטיקער וועש, אַפּעליאַס קלייד, אינדזלען און רייזעס סיי דורכגעמאַכטע און סיי געחלומטע, דורכגעלעבטע און איבערגעלעבטע אינעם סאַמע ברוטאַלסטן לעבן און אין דער דורכגעטראַכטקייט פון מחשבה און געפיל — איר לעצט פאַראַנקערטע, פּאָעטישע וועלט, וואו זי איז די באַפעלערין אַז איר ליד זאָל איינבעמען וועלטן; דעם מענטשנס וועלטן. און עס איז געטריי צו איר, ווייל עס געווינט דעם מענטשנס האַרץ פון זיינע וועלטן.

אירע „שווייגנדיקע טירן" זיינען ווייט ניט קיין שווייגנדיקע און אוודאי ניט קיין פאַרשלאָסענע, נאָר אַדרבא, אין פולער, רייפער, פּאָעטישער צעעפנטקייט.

* * *

און איצט, ביים סוף פון אָט־דער געשריפט, איז מיר אָנגעקומען דער 5טער נומער „אונדזער דור". האָב איך זיך געכאַפּט און געלייענט י. ראַפּאַפּאָרטס „עפּעס וועגן מהות פון דיכטונג" און אין כהרף־עין (זאָל מיר דאָס וואָרט מוחל זיין) ש. מאַלץ וועגן ריידזל זשיכלינסקי. עס האָבן מיך פאַראינטריגירט די קאָנ־טראַסטן וועגן פּאָעזיע אין איין זשורנאַל. י. ר. ברענגט אַרויס אַן אמת, אַז וועגן דיכטונג איז מעגלעך צו ריידן אפשר גאָר אין רמזים — — — דיכטונג איז אפשר — צווישן טויזנטער זאַכן וואָס זי איז — אַ רעליגיעז געפיל פון מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין טאַלאַנט צו גלויבן אין גאָט."

און נישט נאָר אין גאָט — וואָלט איך צוגעגעבן — נאָר אויך אין דעם וואולגאַרן אינהאַלט וואָס אַ סך זוכן אין דעם ליד. זיי פאַרגעסן אַ חוץ דעם

„אינהאַלט" זיינען נאָך פאַראַן אַ זיבעצן גליקן אין דעם ליד וואָס פאַררוקן אַמאָל דעם אינהאַלט אין אַרבל.

וואָס טוט שאול מאַלץ? ער ציטירט אָט אַזאַ ליד וואָס באַזיצט דעם מין ליד־איינציקייט אין זיך מיט די אַלע אַנדערע פּאָעטישע זיבעצן גליקן און זוכט אין דעם יענעם סאָרט פאַרוואולגאַריזירטן אינהאַלט וואָס דער עכטער פּאָעט צעלייגט אים ניט אויף אַכצן טעלערלעך ביז נישטגוטקייט, ביז געהובלעוועטער האַלצפּלאַכקייט. —

די צווי לידער—סוצקעווערס און לערמאַנטאָווס — וועגן וועלכע י. ר. רעדט אין זיין מאמר, זיינען דעסקריפּטיווע אינהאַלט־לידער אין זייער גאַנצן מהות. קאָן מען ריידן וועגן זייער אינהאַלט. אָבער ניט אַזוי איז רייזל זשיכ־לינסקיס ליד; ס'איז פון אַן אַנדער כאַראַקטער; סאיז אַזאַ בילדעריש ליד, וואָס דער הינהאַלט ווערט ביי אונדז נאָר דאַן באַשאַפן, ווען מיר דערפילן דער פּאָע־טעסעס שטימונג און די סימבאָלן פון יענע צוגעקליבענע ווערטער וואָס טראָגן אין זיך רמזים, מחוץ זייער ערשטן טייטש, אַ צאָל צוגאָב־ניואַנסן, וועלכע מאַכן זיי אַז זיי זאָלן זוכה זיין העלפן דעם פּאָעט ער זאָל מיט זיי בכוח זיין פאַרוואַנדלען זיי אין אַ ליד...

איך בין איבערראַשט ווי אַזוי אַ פּאָעט, וואָס שרייבט נאָך הערצו וועגן פּאָעזיע, זאָל ניט פאַרשטיין אַזאַ פּילזאָגנדיק און מאָלעריש־סובטיל ליד ווי:

ווייען אַזוי שטיקער וועש
אין דעם פאַרנאַכט?
און בריקן אויסגעבויגענע,
איבער טייכן טיפע.

אָדער איז דאָ די בלייכע גרענעץ?
דער שניי האָט היינט אויסגעטראַכט!
אַלץ,
אַלץ חלומות,
וואָס צעשיידן מיך פון דיר.

שטעט,
דערפער,
גריבער.

איך האָב בכיוון געמאַכט דעם צווישנפּלאַץ וואָס טיילט אָפּ די געדאַנקלעכע שורות פון די אַנדערע, כדי דער רעצענזאַנט זאָל דעם פּלאַץ אויספילן מיט אַביסל אייגענעם באַטראַכטן און זיך טאַקע אויך דערטראַכטן אַז ער טאָר ניט דערוואַרטן אַז דער דיכטער זאָל אים אונטערזאָגן אַז עס ליגן אינעם אָפּדאַכטן פון די שטיקער וועש וואָס ווייען אין דעם פאַרנאַכט, צי אינעם שניי וואָס האָט פאַר דער דיכטערין מיטגעבראַכט זכרונות פון איבערגעלעבטע מלחמה־יאָרן? שטעט, דערפער, גריבער, אויסגעבויגענע בריקן איבער טייכן טיפע (געוויס פון די באַציס צעשטערט) און אין די טייכן ליגן יידישע קרבנות: קליינע קינדער, אַלטע לייט... און פול מיט בלוט איז דער טייך...

אָט דעם אינהאַלט וואָלט שוין מאַלץ אָנגעכאַפּט און אויפגעכאַפּט און וואָלט גאָר אַנדערש ציטירט דאָס ליד! והראיה, ער ציטירט טאַקע שורות מיט דעם אָפּענעם אינהאַלט. און פּלוצלינג: סקאַנדאַל קומט! ער איז נאָך ניט פאַרטיק מיט זיין פּאָעטישער מבינות. טוט ער נאָך אַ פאָדער־אויף די „פּאָעטישע שליחות". ער האָט ווייזט אויס פאַרגעסן אַז די־אַ טענה, שליחות הפּאָעט, האָט שוין פון לאַנג אָפּגעזאָגט סליחות פאַר יענער עברהדיקער טענה!

שמעון וואַזעק

# אַ חלום

געהיימע הענט פון עטערדיקן בלוי
איבער מיין קישן נידעריק הענגען.
פלוצים: איך וויים ניט וויאַזוי
די ערד — פאַרלאָשן, די אויגן זינגען:

צעשיינט גייט-אויף דער הימל-שר
אין אויסגעשפּרייטן שטילן אייביק;
אין טאָל פון שכחה — פאַרזונקען דער צער,
און מיין האַרץ און אויג שטוינען גלייביק.

דו זעסט, ווי דורך זילבערנע טיול-געוועב
מיט חלומס אויג, געפּלעפּט פון יצירה־צויבער;
ס'איז רויז און שטיין און טייך מיט זעל באַלעבט,
און ליכט דעם פאַנצער פון נאַכט איז גובר.

אין מזלות-קראַנץ, דו גלויבסט און שווערסט;
עס קרייזן געאָרעמט פרייד און טרויער.
פאַרשטילט אין התבודדות-ווינקל, דו הערסט
אַ קול דממה-דקה אין אויער.

און זאָגסט: אַ פּרילינג האַפט אין זעלן-זאַם,
פאַרוויגט אין טרוים מיט רו געאָרעמט.
אַן אָפּשטעל ריזלט דער אָטעם־שטראָם,
פון השגחה'ס חסד אויסגעחלומט.

ווי אַ געשפּאָלטענע נוס איז אָפן דער סוד,
ווער באַשאַפט און ווידער באַשיינט מיין וויע:
אויף סטעזשקעס פון נסיון — געוואַקלט מיין טראָט,
אַמאָל... דער מזל שטערן — געשפּיגלט מיין נסיעה...

— — — — — — — — — — — — — — —

דער מאָרגנשטערן הענגט נאָך טיף און בלוי,
אַן ערשטער שטראַל פלוצים וועקט מיין שויב.
מיין חלום מאָנט אַ באַשייד ביז טיף אין אָוונט-גרוי,
נאָר דער אַלטער פותר-חלומות איז שטום און טויב.

---

אינהאַלט איז פאַרוואולגאַריזירט געוואָרן מכלל הצדדים; ס'איז די לייכטסטע זאַך צו געפינען און געווינען דעם מענטשנס דערפאַרונג, אָבער ניט דעם דיכטערס . . .

איז טאַקע זייער מיאוס וואָס ביי אונדז האָט מען נאָך ניט אויפגעהערט דעמאָנסטרירן ליד־אומפאַרשטענדלעכקייט ווי אַן (אַל־) געמיינע פּראַקטיק...

יחזקאל בראנשטיין

# מלכה לי — אין ליכט פון דורות

די דיכטונג וואָס איז עכט, פאַרנעמט זיך און ווערט קיינמאָל נישט מיד צו פאַרנעמען זיך מיט אַ טעמאַטיק פון אייביקע ווערטן, אין וועמענס זכות זי לעבט פערמאַנענט, אין דעם ליכט און אין דער געדעכעניש פון דורות, וואָס כאָטש זיי אַליין בייטן זיך אומאויפהערלעך, שטויסן זיי אָבער איינע די אַנדערע אַריין אין דעם מיסטישן אויפלויכט פון די קאַלירפולע פאָרמען, וואָס האַלטן אין זיך אויף די עלעמענטן פון אייביקע ווערטן.

אַ דיכטער מיט טאַלאַנט איז אין דער טעמאַטיק פון זיינע איבערלעבונגען דעריבער, קיינמאָל ניט באַגרעניצט. נאָך מער, די וואַריאירונגען וואָס ער ווענדט אָפטמאָל אָן, לאָמיר זאָגן פאַר אַ ביישפּיל, אויף די סעזאָנען פון יאָר, וואָס ווידער־האָלן זיך אַגב יאָר־איין, יאָר־אויס, דאָמינירן ניט זעלטן זיין מענטאַליטעט, וואָס דערמעגלעכן אים צו פאַרוואַנדלען זיין אינטואיציע אין דיכטונג, וואָס איז אַלעמאָל ניי, קאָלירפול, ניט מאָנאָטאָן, וואָס אָטעמט דער עיקרשט מיט דער שיינקייט פון נייקייט, אפילו — חידוש, וואָס מוז פאַרכאַפּן און מיטרייסן אַ מיט־שעפערישן לייענער און געניסער פון דיכטונג וואָס איז עכט, וואָס קען ניט, וויל ניט און באַדאַרף אויך ניט פאַרטראָגן קיין ליט־שעטנז, זינלאָזע פּראָזאָלאָגיע, מיט־צי־אָן גראַמען.

די פּאָעטעסע מלכה לי, געהערט צו אָט־דער קאַטעגאָריע דיכטער אונדזערע, וואָס מיט יעדן נייעם לידער־בוך אירן, איז זי עפּעס מחדש.

אין דעם באַשטייט איר דערגרייכונג און אונדזער געווינס.

מיט דער אינטענסיוויטעט און סענסיוויטעט פון אַ זעקסטן חוש, לעבט זי זיך, למשל, איין אין „דאָס קלענסטע גרעזל" (זייט 33).

מיט דער קלאָרקייט פון אַ וויזיאָנער פאַרוואַנדלט זי דעם צער פון דער שפּראָצונג — דאָס קלענסטע גרעזל — אין דער צייט פון שטורם, אין אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וועמענס ווילן צו לעבן —

וווען עס ליגט אין גראָזן־פעלד פאַרגעסן —

רירט אונדז ממש, דורך דער פאַרמיטלונג פון איר לשון אין קלאָרקייט, מיט דער זעלבער איבערלעבונג, ווי לאָמיר זאָגן — דער צער אונדזערער אויף דעם גורל פון אַ מענטשן אין אַן ענלעכער לאַגע, ווען ער איז עלנט, פאַרלאָזן און פון אַלעמען פאַרגעסן, ווייל —

וווען עס בליצט און דונערט אין די רוימען,
דאָס יונג גרעזל וויל נאָך ניט פאַרגיין,

און פּונקט ווי דאָס גרעזל וויל נאָך ניט פאַרגיין און עס קעמפט עקשנותדיק פאַר זיין עקזיסטענץ, ביז עס —

... ווישט זיך אויס דער טוי פון אויגן,
און גלייכט זיך אויס פון טיפן פאַל—

אַזוי קעמפט אויך מלכה לי אין דער מלוכה פון אונדזער וואָרט, פאַר דעם אויפ־קום, אויפלויכט און דער באַנייאונג פון איר ליד, וואָס זי רופט אין זיך—

... אַרויס דורך שטילקייט פון שווייגן,
דורך שיינקייט פון בליאונג אין פאַרבן...

אַ מעדיאום וואָס איז בלויז אייגן אַ דיכטער אין אייביקן טאָגן, מיט די בעסטע קוואַליפיקאַציעס אירע זעאונגען צו פאַרוואַנדלען אין אַ דיכטונג פון אייביקע ווערטן.

ניט אומזיסט זינגט זי מיט אײפער, אין איר ליד: **צינד אָן דיינע בליצן** (זייט 25):

נעם אַרום מיך מיט רויש פון ברומער,
מיט ווינטן באַקוש איצט מיין גאַנג.
טו אויס מיך פון פינצטערן חומר—
זיין זאָל איך לויטער געזאַנג.

וואָס פאַלט זיכער צענויף מיט דעם ריטעם פון אירע געזאַנגען, וואָס בינדן זיך ווי גאַרבן אין דעם אויסלייג פון אירע פינף לידער ביכער.

די דיכטערין מלכה לי האָט אַמאָל, ווי אַ סך פון אונדז — געבלאַנדזשעט אין אירע אנשויאונגען, סאָציאַלע נייגונגען און געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. אירע סאָציאַלע אני מאמינס — זאָל דאָ באַטאָנט ווערן — זיינען ביי איר אָבער אַלעמאָל געווען פאַרוואָרצלט אין אַ געוויסנהאַפטן איינשטעל לגבי איר קלאַס, אַדאַפּטירטן לאַנד און — עם ישראל. אויף דעם זאָגן עדות אַ צאָל לידער אירע פון יענער אבערגאַנגס־צייט. אַזוי גיך אָבער ווי עס איז געקומען צום הויך־פּונקט פון אַ קריזיס אין אירע אנשויאונגען, דער פאַרראַט און די פאַרשעמונג פון איר אומה מצד יענער טריפהנער סביבה, איז זי געווען איינע פון די ערשטע צו מאַכן אַן עקסטרעמען איבערברוך אין איר ליטעראַריש־פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אַנגעהעריקייט.

אויף דעם זאָגט עדות איר ליד: **ווי אַ פויגל געיאָגט**, אין וועלכן זי פרעגט מיט ניט ווינציק ווייטיק, צאָרן און פּיין:

ווער וויל פאַרשטומען מיין קול
ווען איך זינג מיין ליד?

וואָס וועט אונדז אַלעמאָל דינען ווי אַ דערמאָנונג אָן דעם, ווי ז י האָט זיך באַמיט אויסמיידן דעם האַס, אויף דעם רוף פון איר אייגענעם געוויסן—

ווי אַ פויגל געיאָגט
מיט אַ ליד אין מיין מויל...

און איר אַ שטויס געטאָן צו נאָך מער שעפערישע מעשים, אין דעם אויסגוס פון אַ גרעסערן און נאָך מער אַקטועלן פאַרנעם פון אַ יידישער טעמאַטיק, ביז איר פראַכטפולן אויפזינג פון לידער אויף ישראל־מאָטיוון.

צוליב איר פריווילֶיקן באַפרייען זיך פון די שערי הטומאה סביבה, האָט זי איר ליד צוריקגעפירט צו די אָריגינעלע קוואַלן פון איר יידישקייט־באַוואוסטזיין, וואָס געפינט אַ זין אין דער היפּאָטעזע, אַז

דער יידישער גייסט איז אויף אייביק באַהיט,

וואָס געפינט אַן אויסדרוק אין איר מיסטיש־סימבאָלישן ליד: **די האַק** (ז. 50), אין וועלכן זי זינגט טיילווייז אַזוי:

דורך אַלע גזרות פון יסורים,
די שטאַרק מײַן פאָלק, און גורט זיך אָן.
נאָך יעדן מבול, נאָך יעדן שטורעם
גייט אויף, גייט אויף די זון!

צוליב דעם דאָס רירנדיקע געזאַנג פון אַ צאָל נאָכפאָלגנדיקע לידער אירע אויף דעם גורל פון פאָלק און דעם גורל פון זײַן תורה, וואָס איז געבליבן אַליין, געבליבן פאַרשעמט...

אירע לידער און פאָעמעס אָטעמען אַ געזונטער פשטות, וואָס פאַרכאַפּן מיט דער קלאָרקייט פון איר לשון. אָט איז אַ מוסטער פון איר פאָעמע **דזשאַן דיקס** (זייט 73):

ראָק־היל אין שטילער רו
מיט האַרבסט און רויטן מאָן.
ערגעץ ווײַנט אין פעלד אַ קו,
ערגעץ קרייט אַ האָן.

אַ גאָר רירנדיקן אײַנדרוק מאַכן אירע חורבן־לידער, אויף דער פאָן פון אַ לירישן הינטערגרונט, ווי למשל איר ליד: **וואו איז דער קבר פון מײַן מאַמען?** (זייט 85):

איך וועל עולה־רגל זײַן צו מײַן היים
דורך ווײַטע שטעט, דורך ווײַטע ימען.
דורך ווינט און שניי זוכן איר געביין —
וואו איז דער קבר פון מײַן מאַמען?

און אין אַ צווייטן ליד:

ריר ניט אָן מיט קיין האַק אויף קיין צווײַג —
עס איז אַ בוים פאַרפלאַנצט נאָך מײַן מאַמען.
איך פיל דעם שניט אויף מײַן אייגענעם לײַב,
טו ניט ווי מיט דער האַק אירע שטאַמען...

אין איר יאוש און דערשלאָגנקייט געפינט זי בלויז אַ טרייסט אין **אַ בוים נאָך מײַן מאַמען**:

אויף די בערג פון יהודה, דאָרט אויבנאָן,
וועט בליִען אַ בוים צווישן זעקס מיליאָן.
אַ בוים וועט דאָרט וואַקסן מיט ביימער צוזאַמען,
אין אָנדענק פאַרזייט נאָך מײַן הייליקער מאַמען.

די לידער פון דעם קאַפּיטל ה, אָטעמען מיט אַ זעלטן קאָסמישער שיינקייט, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ די פרייד פון וואַקסן אין אַ וועלט אַ צעבליטע.

דאָ קומט צום אויסדרוק אַ פלירט פון ביימער, וואָס... קושן זיך מיט ווינטן מילד..

ביימער רוישן, ביימער טרוימען,
באַהעפטן זיך מיט זון און ווינט.
ערגעץ ווערט פאַרזייט אַ זוימען
אין אייביקייט — אַ וואַלד שוין גרינט...

דאָס איז דער אייביקער אויפזינג פון דער גאָרער יצירה, וואָס זינגט זיך

אַריין אין דיין געמיט, בלויז מיט דעם כוח און דורך דער פאַרמיטלונג פון דיכטערישע ווערטן, אין דעם אויסלייג דערפון, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם נאָמען: ע כ ט ע  ד י כ ט ו נ ג.

וועגן דיכטער און דיכטונג, זייער מהות און פאַרנעם, איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן. דער אמתער שליסל אָבער צו דער זיך אַלץ באַנייענדיקער פּראָבלעם פון דיכטער און דיכטונג, איז אַלעמאָל געלעגן און ליגט, אין די הענט פון טאַלאַנטפולע דיכטער, וואָס רעאַגירן איבער דעם אייגנאַרטיק, אָריגינעל אויב איר ווילט — אין אַ צאָל לידער זייערע.

מלכה לי, ווי אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט מיט אייגענע נייגונגען, אפילו מחשבות — איז דאָ נאַטירלעך ניט קיין אויסנאַם.

אינטערעסאַנט איז אָבער יאָ איר געוואַגטער צוגאַנג דערצו, וואָס וואַרפט אַ שאַרף ליכט אויף אונדזער פּאָעטישן קלימאַט, וואָס איז ניט זעלטן פאַרנעפּלט מיט אַ רייצנדיקן, אפילו אָנשטעקנדיקן אַרויספאַל („אַוטפאָל" בלע"ז), באַנוצנדיק זיך דאָ מיט אַ הייַנטצייטיקן אַטאָמישן פאַרגלייך און אויסדרוק. אָט איז אַ ביישפּיל:

אין פּרדס פון דיכטונג קען מען ניט אַריין
דורך חניפה, רשעות און מסירה.
אין פּרדס פון דיכטונג לויכט אַ ציטער־שיין,
מען קומט אַהין דורך הייליקער יצירה.

זאָלן עס געדענקען אונדזערע פּסעוודאָ־דיכטער פון אַלע ריכטונגען און מדרגות. און ווייטער:

אין פּרדס פון דיכטונג דאַרף מען באָרוועס גיין,
מיט הייליקייט פון שבתדיקע ליכטער.
און קומען צום היכל, ווי די באָבעס, פרום און ריין,
און ניט מיט גיפט און גאַל אויף דיכטער.

אינטערעסאַנט זיינען אירע לידער פון אַ פעמענינען כאַראַקטער, וואָס זיינען ביי אונדז בכלל ניט גרויס אין צאָל. דאָ קומען באַזונדערס צום אויסדרוק דער כאַראַקטעריסטישער צער און די אינטימע איבערלעבונגען, ליידנס־געפילן פון דער פרוי־און־מאַמע, אין אַ וועלט פון גאָרן סאָציאַלן אומיושר:

פרויען — איך זע אייך אין בליאונג
מיט אויפגעבויכטער מוטערשאַפט,
מיט הייליקן פרוילעכן ציטער.
דורות־טראָגנדיקע מאַמעס,
איצט — זאַנגען פאַרן שניטער.

אירע לידער א.ג. **אבלים, פאַרשעם ניט מיין ליד**, און דאָס ליד יידיש, ווייטיקן אויף דעם גורל פון אונדזערע אַוועקגייענדיקע פּאָעטן, און אויך אויף דעם גורל פון אונדזער יידיש לשון. זי פרעגט:

פרילינג וועט יעדן יאָר קומען.
ווער וועט פאַרהוילן דעם שניט?

און איר תפילה איז:

שכנים, געדענקט יעדן נאָמען —
פאַרשעמט ניט דאָס יידישע ליד.
איך האָב דורך מיינע גורל־יאָרן,

זי באַטאָנט:

ווי זאַנג צו זאַנג מיין ליד געפּאָרט,
אָפּט דורך פּיין מיין שניט געשאָרן,
נאָר אָפּגעהיט מיין יידיש וואָרט.

און וועגן יידיש לשון זינגט זי אַזוי:

ניטאָ אַזאַ כוח יידיש צעשטערן,
די צונג פון יידיש פאַרשטומען,
יידיש, געהייליקט דורך יידישע טרערן
וועט לויכטן ווי זיבן זונען.

ווען אַלע אונדזערע יידיש־שרייבער, פּאָעטן און שריפטשטעלער — זאָלן האָבן אַזאַ צוגאַנג צו יידיש לשון, וואָלט די מערכה אונדזערע זיכער ניט געווען אַזאַ פאַרצווייפלטע, ווי זי איז.

פון אַ באַזונדערן ווערט און כאַראַקטער זיינען אירע לידער פון־און־וועגן מדינת ישראל. זיי אָטעמען מיט דער אוממיטלבאַרער פרייד, באַגייסטערונג און עכטקייט פון אַ טיפּיש־יידישער טאָכטער־פּאָעטעסע, וועמען עס איז לגמרי פרעמד יעדער אָנשטעל פון צביעות, אונטער דעם צודעק און פאַלסיפיקאַציע פון אַ קינסטלעכער רעטאָריק, צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס איר איבערלעבונג איז פאַרוואָרצלט אין דער עכטקייט פון דעם דעוויז, אַז — איך בין געקומען אַהיים צו מיין מאַמען, און אַז... אייער ניגון זינגט אין מיינע יידישע געזאַנגען...

צוליב דעם איר פריידיק געזאַנג:

הער, ישראל, אינעם נגב־זאַמד,
אין יעדן זעמדל זידן מיינע טרערן.
הער, ישראל, ווי אַ וואַסער קוואַלט,
אינעם נגב־זאַמד נעמט זיך אָן אַ זורמען.
צווישן יעדן שטיין און פעלדזן־שפּאַלט
גרינען דאָרט מיינע טרוימען.

דאָס זיינען די טרוימען פון אַן אייִדעלער יידישער טאָכטער אין ליכט פון דורות — די טרוימען פון דער באמת טאַלאַנטירטער פּאָעטעסע, מלכה לי, וועמענס געזאַנגען וועלן אַלעמאָל פאַרבלייבן אַנזעעוודיק אין דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג אויף יידיש־לשון.

---

# פייערלעכער ליטעראַטור אָוונט

**צום אויסטייל פון דער דריטער ליט. פּרעמיע פונם י. פרידלאַנד ליט. פאָנד**

וועט דורכגעפירט ווערן:

## שבת אָוונט, דעם 26־טן יאַנואַר, 1963

**אין זאַל פון קולטור קלוב, 4213 מאָנראָו גאַס.**

אין פּראָגראַם פון דער פייערונג וועלן אויפטרעטן די קאָלעגן פון דער זשורי:

- **מלכה טוזמאַן** וועטריידן וועגן דער עסיי.
- **מאַטעס דייטש** — וועגן דער דערציילונג.
- **זלמן זילבערצווייג** וועט פירן דעם פּאַרזיץ.
- **י. פרידלאַנד**, דער פונדאַטאָר פון פאָנד, אין אַ שלוס־וואָרט.

מוזיקאַלישע נומערן פון אַ טאַלאַנטירטן קינסטלער וועלן פאַרגעטראַגן ווערן.
אויך יום־טובדיקע טישן און פיינער כיבוד.

---

ישראל גובקין

# דער פּתרון

„איך ווייס ניכט וואָס זאָל עס בעדויטען
דאָס איך זאָ טראָורעריג בין;
איין מערכען אויס אַלטען צייטען
גייט מיר ניכט ראָוס פון זין.״ (היינע)

ערד האָט זיך אָפּגעדרייט פון זון.
איך וויג זיך טויזנטער פּים אין די רוימען.
דער הימלשער וואַנדערער
טראָגט מיר ווידער צו מזרח.

איך דרימל און וואַך
דערשטוינט ווי אַ מאָל:
— ווער בין איך?
— וואָס בין איך?
— מיין וואַנדער וואָס מיינט?
— ווער זיינען די שלעפער אַרום?

ערד פלירטעוועט ווידער מיט זון
און שוועבט איר אין פּנים אַריין.
מיר טובלען זיך אין בערגלעך
פון פייער און שניי;
מיר ציען צו פלאַמיקע רוימען...

„איך ווייס ניכט וואָס זאָל עס בעדויטען.״

איך בין פאַרגאַפט;
איך פאָרש דעם אַרום,
ווי מיט צענדליקער יאָרן צוריק.
מיט אַלץ אין מיר
שנייד איך דעם אַרום.

און פּתרון?
אַ קרייץ אויפן פענצטער,
נישט זעבאַר און שטום.

י. פרידלאַנד

# שלומקע דער יתום

(דערציילונג)

איבער דער בריק, אויף וועלכער עס ציען זיך קיין מדינת ישראל צענדליי־טויזנטער עולים, ס'רוב על־פי בויט, ציען זיך אָבער אויך גרויסע מחנות יידן פון די תפוצות, בעיקר פון דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. טייל פאָרן, מחמת בענקשאַפט צום לאַנד און אַ טייל, צוליב דעם גרויס אינטערעס צו וועלן זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס יידן האָבן טאַקע אַליין, מיט זייער אייגענעם כוח אויפ־געטאָן אַן דער פיזישער הילף פון ביט־יידן...

צווישן אַ־דער צווייטער קאַטעגאָריע האָט זיך אויך געפונען אויף אַ יידישער שיף וואָס איז דירעקט געשוואומען קיין ישראל, אַן אַמעריקאַנער יידישער יונגער־מאַן, אירוויבג פיש, אַ פּראָפעסאָר פון אַ באַוואוסטן אוניווערזיטעט אין אַמעריקע וואָס איז אויף דער איינלאַדונג פון דער יידישער מלוכה געפאָרן אַהין אַלס פאָרשער און סטאַטיסטיקער.

פּראָפעסאָר אירווינג פיש איז אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, דערצויגן ביי אימיגראַנטישע עלטערן, האָט אָבער וויניק געוואוסט פון יידישע קולטור־ווערטן און יידישן שטייגער לעבן. יידיש לשון איז אים פרעמד געווען און נאָך פרעמדער איז אים געווען העברעאיש, ווי דעם רוב פון דער יידיש־אַמעריקאַנער יוגנט.

אויף דער יידישער שיף האָט דער פּראָפעסאָר צוגעזען ווי די יידן זיינען זיך שטאַרק משמח, האַלטן זיך צוזאַמען, זינגען יידישע און העברעאישע לידער און זיינען ביז גאָר התלהבותדיק, וואָס זיי פאָרן צום לאַנד פון זייער האָפענונג... דער פּראָפעסאָר האָט זיי שטאַרק מקנא געווען.

— איך פאָר קיין ישראל כמעט ווי אַ שטומער; חוץ ענגליש וועל איך אפילו נישט קאָנען אַ וואָרט אויסריידן צו קיינעם — האָט ער פּאַטעטיש אַ זאָג געטאָן צו זיין שכן אויפן דעק פון דער שיף, מר. אייזן, וועלכער איז נעבן אים געזעסן און וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו ריידן פליסיק אויף די דריי שפּראַכן — יידיש, העברעאיש און ענגליש.

— מר. אייזן, אפשר קענט איר מיר כאָטש אַרויפפירן אויף דעם דרך פון דעם העברעאישן לשון, באַקענען מיר מיט געוויסע אויסדריקן פון ווערטער, אידיאָמען וכדומה.

מר. אייזן, אַ ייד פון עטלעכע און זעכציק, אַ באָרעדעוודיקער, מיט אַ גוטן זכרון, איז דווקא גערן געווען דאָס צו טאָן. ראשית, האָט ער געטראַכט, וועט ער אַליין אויך האָבן די געלעגנהייט אויסצולופטערן זיין העברעאיש; והשנית, וועט ער טאַקע טאָן אַ מצוה אויך, בפרט נאָך אַן אַמעריקאַנעם יידישן יונגנמאַן, וועל־כער פאָרט קיין ישראל און האָט חשק צו לערנען העברעאיש, דאָס לשון פון לאַנד.

— יאָ, פּראָפעסאָר פיש, ס'וועט זיין פאַר מיר אַ פּריווילעגיע דאָס צו טאָן פאַר אייך — האָט מר. אייזן מיט אַ געפיל פון פרייד זיך אָפּגערופן. איך האָף, אַז ווי אַ פּראָפעסאָר וועט איר זיכער זיין אַ גוטער תלמיד. איך וואָלט אָבער, קודם כל, געוואָלט וויסן אַביסל וועגן אייך פערזענלעך, כ'מיין וועגן אייער משפחה וכדומה . . .

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, מר. אייזן — האָט דער פּראָפעסאָר כמעט ווי פאַרשעמט אַביסל געענטפערט. כ׳ווייס זייער ווייניק וועגן דעם הינטערגרונט פון מיינע עלטערן, כ׳ווייס באַר אַז זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע, ווי דאָס רוב יידישע אימיגראַנטן, פון מזרח אייראָפּע, און אויב איך מאַך נישט קיין טעות, אויף וויפיל איך האָב געהערט דעם טאַטן מיינעם דערציילן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליינער יינגל, קומט ער פון ערגעץ אין דער ליטע, און אַז ער איז גע־בליבן אין דער אַלטער היים אַ קיילעכדיקער יתום נאָך אַלס קינד. דאָ אין אַמעריקע איז ער געווען צוערשט אַ „באַס־פּיינטער" און דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט „ריעל עסטייט" געשעפטן; תמיד געווען פאַרנומען מיט זיך און די ביזנעס, און זייער ווייניק אויפמערקזאַמקייט געשענקט די קינדער, מיר און מיין שוועסטער. די מאַמע מיינע האָט שוין געזאָרגט פאַר אונדזער דערציאונג. געוואָלט האָבן די עלטערן מיינע, איך זאָל אויסשטודירן אויף דאָקטאָר; געוואָרן בין איך אַ וויסנשאַפטלער.

קיין יידישע דערציאונג האָב איך נישט באַקומען, איז מיר טאַקע דעריבער פרעמד דאָס יידישע לשון און די יידישע סביבה.

מר. אייזן, אויסהערנדיק דעם פּראָפעסאָרס יחוס, און אַז אַ טאַטנס נאָמען איז סאול פּיש, וואָס איז פריער געווען אַ „באַס־פּיינטער" דערנאָך אין די „ריעל־עסטייט ביזנעס" און... אַ יתום פון דער היים דערצו, איז ער געבליבן זיצן כמעט ווי געפּלעפט...

— איז עס מעגלעך, אַז אַט־דער יונגערמאַן, פּראָפעסאָר אורווינג פּיש, וועלכער זיצט נעבן מיר, איז אַ זון פון שלומקע פאַרבער, דער יתום, מיין יוגנט־חבר פון דער אַלטער היים, און וועלכער האָט מיך אין די „גרינע יאָרן" מיינע, גלייך ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, צוגענומען צו דער אַרבעט, מיך אויסגעלערנט צו זיין אַ הויז־פאַרבער און מיר געצאָלט דאַן, אין סאַמע אָנהויב, 12 דאָלער אַ וואָך — פיל מער ווי איך האָב דאַן די ווערט געהאַט! . . .

מר. אייזן האָט דורכדרינגלעך באַטראַכט דעם נעבן אים זיצנדיקן יונגן פּראָפעסאָר, געזוכט ביי אים וועלכע עס איז געזיכט־שטריכן אָדער תנועות פון שלומקע דעם יתום. דעם טאַטנס נאָמען אין דער היים איז טאַקע געווען שלום פישקאָפּ, האָט ער דאָ אים פאַרקירצט אויף פיש. דער טאַטע איז אפילו געווען אַ קורצגעוויקסיקער און אַ ברייטפּלייציקער און דער איז אַביסל העכער פון מיטעלן וואוקס, אָבער די האָר זיינען ברוינע ווי ביי שלומקען, אויך די אויגן זיינען אַזעלכע טיפע, וואַרעמע און קלוגע, ווי ביי שלומקע יתום!..

— איר ווייסט, פּראָפעסאָר פּיש — האָט מר. אייזן מיט זיכערער אַנט־שלאָסנקייט אַ זאָג געטאָן — פון דעם ביסל וואָס איר האָט מיר דערציילט פון אייער פאָטער, בין איך שוין מער ווי איבערצייגט, אַז אייער פאָטער איז מיינער אַ בן־עיר, אַ לאַנדסמאַן, און איך ווייס מער פּרטים פון אייער טאַטנס קינדהייט און זיין לעבן, ווי איר, זיין אייגענער זון! . . .

דער יונגער פּראָפעסאָר איז שוין גאָר שטאַרק פאַראינטריגירט געוואָרן פון זיין שכן, דעם באַריידעוודיקן מיטשמועסער, און טאַקע געוואָלט וויסן וועגן זיין פאָטערס קינדהייט און לעבן אין דער אַלטער היים.

— וואָרים וואָס טאַקע ווייס איך פון מיינע עלטערן, בעיקר פון מיין פאָטער,

מער ווי דאָס וואָס כ׳האָב געהערט אים דערציילן, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען?

— האָט ער זיך אַ טראַכט געטאָן און האָט אין זעלביקן מאָמענט אַ זאָג געטאָן:
"O, what a coincident, Mr. Eisen, and what a small world it is."

— יאָ! אָט אַ צופאַל! גיי ריכט זיך אַז כ׳וועל דאָ זיך צוזאַמענטרעפן מיט דעם זון פון שלומקע דעם יתום, מיין יוגנט־פריינט און חבר? — האָט מר. אייזן וואַרעם געדריקט די האַנט פון דעם פּראָפעסאָר, און האָט טאַקע אויף זיין בקשה אים תיכף אָנגעהויבן דערציילן די עפּיזאָדן פון טאַטנס לעבן אין דער אַלטער היים.

— מיר האָבן געוואוינט אין שכנות מיט אַ פּריצישן הויף, וואָס האָט אויך געהאַט אַ גרויסן סאָד פון כלערליי פּרוכטן. דער הויף און דער סאָד איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּלויט.

איינמאָל האָבן מיר דערהערט פון יענער זייט פּלויט ביים פּריץ אַזעלכע האַרצרייסנדיקע קולות און געוויינען פון אַ קליינעם ייִנגל, אַז ס׳האָט פּשוט דאָס האַרץ צעריסן הערנדיק. האָבן מיר, ייִנגלעך, אַרויפגעקלעטערט אויף דעם פּלויט און דערזען האָבן מיר אַ שוידערלעכע זאַך: אַ דינער פון דעם פּריצישן הויף האָט געהאַלטן שלומקע יתום, און אַ צווייטער האָט אים מערדערלעך געשמיסן מיט אַ שווערן לעדערנעם פּאַס; מחמת מ׳האָט אים געכאַפּט רייסן באַרנעס פונעם פּריצ׳ס סאָד. שלומקע איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פון זייערע הענט אונטער די פּייערדיקע שמיץ.

אַ צווייטער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען צווישן מיר און שלומקען, וואָס איז געבליבן שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון.

איינמאָל האָב איך באַקומען אַ שפּאָגל־נייע קאַפּיקע פון מיין רבין, פאַר מיין גוט לערנען. אין דרויסן האָב איך מיר געשפּילט מיט דער גלאַנציקער קאַפּיקע און זיך באַרימט פאַר די אַנדערע ייִנגלעך, וואָס פאַר אַ שיינע נייע קאַפּיקע דער רבי האָט מיר געשענקט. מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַרום דעם חדר שלומקע יתום, און געוואָלט אַרויסרייסן פון מיינע הענט די קאַפּיקע. האָב איך אים ניט געלאָזן. האָט אָבער שלומקע מיך גוט אָנגעשלאָגן און די קאַפּיקע ביי מיר דאָך צוגענומען.

קומענדיק אַהיים אַ צעשלאָגענער און פאַרוויינטער, האָב איך געמיינט אַז די מאַמע מיינע וועט אים גוט אָנשעלטן און געבן אים פאַרוואורפן, פאַרוואָס ער האָט מיך צעשלאָגן און צוגענומען די קאַפּיקע פון מיר! ערשט לסוף זאָגט מיר די מאַמע:

— האָסט געדאַרפט לכתחילה אים געבן די קאַפּיקע: אַ יתום נעבעך! אָן טאַטע־מאַמע. פאַר דער קאַפּיקע וואָלט ער געקאָנט קויפן פאַר זיך עטלעכע בייגל צום עסן. אוודאי הונגעריק... אַרימער יתום!...

אָט־דער רחמנות־געפיל צום אָרימען יתום פון מיין מאַמען, האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז פון דעמאָלסט אָן, ווען כ׳האָב נאָר געהאַט אַ קאַפּיקע, פלעג איך שוין אַליין לויפן אָפּזוכן שלומקען און אים זי אָוועקגעבן...

מיטאָג־צייט, ווען שרה־ביילע, די באָב־פאַרקויפערין, פלעגט קומען צו די ישיבה בחורים מיט אָפּגעזאָטענעם אַרבעס, איז שלומקע מיט נאָך אַכט ייִנגלעך, אויך יתומים, אַריינגעקומען און געהייסן דער יידענע אים געבן פאַר אַכט גראָשן אַרבעס און ער פלעגט דערנאָך פאַנאַנדערטיילן אויף גלייכע חלקים צו די אַנדערע יתומים, זיינע חברים.

איינמאָל האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— שלומקע, וואו עסטו שבת ?

— וואו ס׳מאַכט זיך, און אַמאָל עס איך גאָרנישט — איז געקומען דער ענטפער...

פון דאַן אָן בין איך געוואָרן זיין מפרנס. איך פלעג צוזאַמענבעמען פון מיין זיידן, פון מיין משפחה, צוביסלעך עסן און ברענגען צו שלומקען און ער פלעגט שוין טיילן זיך מיט זיינע חברים, יתומים.

ווען שלומקע איז אַביסל גרעסער געוואָרן, פלעגט ער אָפט צוכאַפּן זיך צו די שפייז־שענקלעך פון די פאַרמעגלעכע באַלעבאַטישע שטובן און אַרויסנעמען אַמאָל אַן אָפּגעקאָכט גענדזל, אַמאָל אַן עוף, אָדער אַנדערע מאכלים, וואָס איז אים צום האַנט געקומען. הגם מען האָט געוואוסט, אַז דאָס איז שלומקעס אַרבעט, האָט מען אים צורו געלאָזט; וואָרעם, וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? אַ יתום נעבעך...

ווען דער „קליינער בונד" האָט זיך אָרגאַניזירט אין שטאָט, האָט מען אים אַריינגענומען אין דער אָרגאַניזאַציע און מען האָט אים אויך געעצהט ער זאָל ווערן אַן אַרבעטער. מען האָט אים טאַקע אויך געפונען אַ פּלאַץ ביי קלמן דעם הויז־פאַרבער. אַז שלומקע האָט אָנגעהויבן פאַרדינען, האָט ער אויך די שפייז־שענקלעך פון די באַלעבאַטישע שטובן צורו געלאָזן.

דאַן בין איך געוואָרן מיט שלומקען נאָך מער באַפריינדעט.

אַז שלומקע איז אונטערגעוואַקסן איז ער אַריבער פון „קליינעם בונד" צום גרויסן און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ גאָר שטאַרקער טוער אין דער אָרגאַניזאַציע: ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן סטרייקס, געפירט דעמאָנסטראַציעס; געטאָן אפילו ריזיקאַלישע אַרבעט...

די ערשטע גרויסע „עקספּראָפּריאַציע", וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין שטאָט, איז געווען מיט דער איינשטעלעניש פון שלומקע דער יתום. און ביי וועמען מיינט איר האָט עס שלומקע מיט זיינע געהילפן אַדורכגעפירט אָט־דעם איבערפאַל?... ביים פריץ ווענצעל אין הויף! ביים זעלבן פּאָליאַק, וואו מען האָט שלומקען דעם יתום מערדערלעך געשמיסן, ווען מ׳האָט אים אַלס קליינעם יינגל, געכאַפּט רייסן באַרנעס פון פריצס סאַד...

פאַר שלומקען איז נאָכדעם געוואָרן צו ענג ווייטער צו פאַרבלייבן אין זיין היים־שטאָט. די „מאַכט" האָט שוין געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג איבער אים. כדי מען זאָל אים ניט אַרעסטירן און „פאַרשיקן", האָט די אָרגאַניזאַציע אים אַוועק־געשיקט קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע האָט ער צוערשט געאַרבעט ביי יענעם אַלס הויז־פאַרבער. און ווען איך בין מיט יאָרן שפּעטער, נאָך זיין קומען, געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך אים דאָ שוין געטראָפן אַלס אַ סאָלידן „פּיינטער־קאָנטראַקטאָר", און ער האָט מיך זייער פיין מקרב געווען, מיך אפילו אָנגעשטעלט ביי אים צו אַרבעטן ביי הויז־פאַרבעריי און געצאָלט מיר שכירות ווי אַן אמתן בעל־מלאכה — צוועלף דאָלער אַ וואָך! אַ סך מער ווי איך האָב די ווערט געהאַט.

אונדזערע וועגן האָבן זיך נאָכדעם צעטיילט: מיך האָט דער גורל פאַרוואָרפן אין דער ווייטער קאַליפאָרניע; ער איז געבליבן אין גרויסן ניו־יאָרק. און ווי איך האָב געהערט ווייטע גרוסן פון אים, האָט ער זיך דערנאָך גענומען צו „ריעל־עסטייט" ביזנעס און ס׳איז אים אַוועק גאָרנישט שלעכט!...

— אַט דאָס, פּראָפעסאָר פיש, איז געווען דער לעבנס־גאַנג פון אייער פאָטער, שלומקע דער יתום...

דער יונגער אירווינג פיש איז געזעסן די גאַנצע צייט צוגעשמידט מיט אומגעהויערן אינטערעס און זיך צוגעהערט צו דער סיפור המעשה פון זיין פאָטערס איבערלעבונגען אין דער אַלטער היים.

אַזאַ פאַרוואָרלאָזטן און מיזעראַבעלן לעבן האָט דער זון ביי זיינע טאַטע־מאַמע אין אַמעריקע, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט... אים איז אַזאַ זאַך לגמרי פרעמד געווען. ער האָט מיט אַ טרער אין די אויגן און מיט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק צו משה אייזן, אויסגעדריקט זיין טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר דער אינטערעסאַנטער רעוועלאַציע וועגן זיין פאָטער און מיט אַ שטילן זיפץ אַ זאָג געטאָן:

"Poor dad! what a miserable childhood he had!"

"Why, it's almost as pitiful as with our "Dead-End-Kids" in New York!"...

* * *

פּראָפעסאָר אירווינג פיש האָט אין ישראל ווי זיך אַליין געפונען. חוץ זיין אַרבעט, ווי סטאַטיסטיקער און פאַרשער, האָט ער מיט גרויס תשוקה אַ נעם געטאָן זיך לערנען העברעאיש — די שפּראַך פון לאַנד, און האָט וואָס אַ טאָג אַלץ מער זיך איינגעלעבט אין דער סביבה וואָס איז פאַר אים געווען ניי. ער איז ממש פאַרליבט געוואָרן אין דעם נייעם לאַנד. חוץ מזה האָט ער במשך זיין דאָרטן זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט אַ שיין באַלעבאַטיש מיידל, אַ סאַברע, און ער האָט ערנסט אָנגעהויבן טראַכטן זיך מיט איר צו פאַרבינדן ווי מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין. אַזוי, אַז ער האָט שוין אפילו קיין מחשבה ניט געהאַט פון פאָרן צוריק אין די שטאַטן. זיינע באַגייסטערטע בריוו פון ישראל צו זיין שוועסטער לינדאַ און שוואָגער דייוויס, דעם אַרכיטעקט אין ניו־יאָרק, האָבן ניט ווייניק גורם געווען, אַז אויך זיי זיינען מיט דער צייט אַריבערגעקומען קיין ישראל. געבליבן זיינען בלויז די עלטערן זייערע, שלומקע און רייטשל אַליין, אָן די קינדער, אָן משפחה אויף די עלטערע יאָרן.

די קינדער האָבן געהאַלטן אין איין שרייבן צום טאַטן, צו שלומקען, ער זאָל ליקווידירן זיינע געשעפטן און קומען מיט דער מאַמען זיך באַזעצן אין ישראל. — מיט אייער פאַרמעגן — האָבן די קינדער זיי געשריבן — קענט איר דאָ אויסלעבן אייער עלטער, ביז הונדערט און צוואַנציק, אין נחת און פריידן... ביי דער מאַמען האָבן די קינדער שוין געפועלט, אָבער ביים טאַטן, ביי שלומקען, בשום אופן נישט.

בעת ביי די קינדער, זייענדיק אין ישראל, איז פאָרגעקומען אַ פענאָמענאַלער איבערברוך און אַ שינוי אין זייער גאַנצן גייסטיקן מהות און שטייגער לעבן, האָט אָבער סאָול פיש הפנים ניט געקענט זיך שיידן מיט זיין איינגעוואָרצלטקייט און איינגעפונדעוועטע ריעל־עסטייט פּראָיעקטן און אויך ניט מיט דעם אָזאַרט־נעם קאָרטן־שפּיל, וואָס איז שוין געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבנס־רוטין.

בדרך כלל האָט דער געדאַנק פון ישראל, יידיש היימלאַנד, אים ניט אַזוי שטאַרק אימפּאָנירט. ער איז ניט פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אָט דער בענקשאַפט און אינטערעס צום אויפבוי פון אַ יידיש היימלאַנד. אפשר אין זיין אונטער־באַוואוסטזיין איז נאָך געווען איינגעזעסן דער קעגנערישער געפיל צום ציוניזם,

וואָס ער האָט געיירשנט פון דער באַוועגונג, פון דער אידייע אויף וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער אַלטער היים?... הגם ער איז שוין לאַנג מער נישט קיין נאָכפאָלגער פון וועלכן עס איז אידעאָלאָגישן איינשטעל... אַזוי ציִ אַזוי, סאָול פיש, דער געוועזענער הויז־פאַרבער און איצטיקער אייגנטימער פון בנינים און ריעל־עסטייט פּראָיעקטן, האָט ניט געחלומט אפילו צו צולאָזן אין זיין מחשבה דעם געדאַנק וועגן פאַרלאָזן זיין אַמעריקע, וועלכע האָט אים געגעבן אַלע מעג־לעכקייטן און פּריווילעגיעס דאָ צו לעבן אין שפע און אין רחבות. איז צו וואָס זאָל ער מאַכן אַ שינוי און אַן איבערפלאַנצונג פון אַזאַ גוט איינגעוואָרצלט לעבן?.

אָבער דער מאַמעס האַרץ איז דאָך ניט אַזוי פאַרהאַרטעוועט געוועזן ווי סאָול פיש׳ס דעם טאַטנס. זי האָט רק געבענקט נאָך די קינדער. אויב ניט פאָרן זיך באַזעצן דאָרט — האָט זי צו אים געהאַט טענות — איז לכל הפחות פאָרן צו זען זיך מיט די קינדער!...

דערפאַר ווען ס׳איז אָנגעקומען אַ „קייבל־גראַם" פון זייער טאָכטער, לינדאַ, אין ישראל, אַז זי האָט מיט מזל געבוירן אַן אייניקל פאַר טאַטע־מאַמע און אַז מען וועט וואַרטן מיטן ברית ביז זיי וועלן קומען, און זיי ווילן דעם טאַטן מכבד זיין מיטן סנדק; אויך האָט דער זון, פּראָפעסאָר אירווינג פיש, געשריבן, אַז ער מיט זיין כלה און די מחותנים וועלן וואַרטן מיט שטעלן אַ חופה, כדת וכדין, ביז זיי וועלן קומען — האָט שוין שלומקע מער נישט געקענט ביישטיין אַזאַ נסיון...

סאָול פיש האָט ענדלעך געבראָכן זיין עקשנות. באַשלאָסן טאַקע פאָרן קיין ישראל אויף דער שמחה צו די קינדער, אָבער מיטן געדאַנק באַלד נאָך דעם ברית פון ערשטן אייניקל און נאָך דער חתונה פון זיין זון, וועט ער צוריק פליען אַהיים צו זיינע געשעפטן, צו זיין סביבה און צו זיין אַלטן שטייגער לעבן...

* * *

אויפן לופטפעלד אין לוד האָבן די קינדער, דער זון מיט דעם אידעם, באַ־געגנט די עלטערן זייערע. מען האָט זיך וואַרעם און האַרציק באַגריסט, נאַטירלעך,

איידער זיי זיינען געקומען צום אויטאָמאָביל, זאָגט דער זון צום טאַטן:

— ווייסט, טאַטע, דער רוב יידן וועלכע קומען צום ערשטן מאָל אין ישראל, קושן די הייליקע ערד פון אונדזערע אָבות...

סאָול פיש, אַביסל איבערראַשט, האָט עפּעס ווי אימפּולסיוו געוואָלט זיך אַראָפּבייגן צו דער ערד, ער האָט אָבער הפנים חרטה געהאַט, און האָט בלויז האַלב זיך אַ נויג געטאָן צום פנים פון דער ערד אָבער ניט נאָכגעגעבן...

די קינדער האָבן דעם טאַטן אַ הויב געטאָן אין דער הויך און אויף די הענט צוגעטראָגן צום אויטאָ און תיכף אָפּגעפאָרן צו דער טאָכטער און אידעם קיין תל־אביב...

אַ פּאָר טעג נאָכן ברית פון אייניקל איז ערשט דאַן געפּראַוועט געוואָרן אַ גאָר גרויסאַרטיקע שמחה, אַ מין קבלת־פּנים די עלטערן, וואָס זיינען ענדלעך געקומען קיין ישראל. דאָס איז געווען אַ יום־טוב פון אַ ווידער־פאַראייניקונג און גאַנצקייט פון דער ביז איצט צעריסענער משפחה. ביי יענעם צוזאַמענקום זיינען אויך געווען אַ צאָל דערוואַרבענע יונגע פריינט פון די קינדער, ס׳רוב סאַברעס, אויך אַ צאָל שלומקעס לאַנדסלייט, ותיקים און אויך ניט לאַנג אַריבער־געקומענע עולים. אַלע זיינען געקומען צו דער שמחה פון די קינדערס עלטערן.

פּראָפעסאָר אירווינג פיש, דער זון פון שלומקע דער יתום, האָט צוגעגרייט אַ סורפּריז: אַן אויפפירונג אין „וואָרט און בילד"—„דאָס לעבן פון שלומקע דער יתום"...

דורך אַ געלונגענער נאַראַציע מיט צוגעפּאַסטע בילדער, איז סאָול פיש'ס לעבן אַדורכגעגאַנגען: זיין יתומשאַפט, זיין שווער פאַרוואָרלאָזט לעבן, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט במשך פון זיין קינדהייט און יוגנט אין דער אַלטער היים, זיין קומען קיין אַמעריקע אַלס יינגל פון אַכצן יאָר; זיינע „גרינע" יאָרן אין אַמעריקע, און ווי פון זיין שווערער פּראַצע און פעאיקייט האָט ער ענדלעך אַרויפגעקלעטערט אויף דעם לייטער פון גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג. עס איז געווען ווי אַ פילם פון דעם וועג וואָס ס'האָט דורכגעמאַכט שלומקע דער יתום, דער איצטיקער סאָול פיש...

סאָול פיש האָט געזען זיך אין שפּיגל פון זיין לעבנס-שפּאַן, פון זיין קינדהייט אַן ביזן איצטיקן מאָמענט פו זיין ווערן אַ בן-שבעים...

ער איז געווען אַזוי איבערראַשט און עקזאַלטירט פון דער גרויסער פרייד און וואַרעמקייט וואָס ער האָט דאָ געטראָפן ביי דעם ווידער-צוזאַמענבונד מיט די קינדער, אַז ער האָט ערשט איצט דערזען און דערפילט אַז ס'איז פאַראַן אַ זין און אַ יש דאָ צו בלייבן. דאָס גאַנצע ביז איצטיקע לעבן זיינס, פון האָוועץ און יאָגן זיך נאָך די תענוגי עולם הזה, איז געווען אַ מין פּרוזדור צו דעם גרויסן עונג רוחני און פרייד פון זיין איצטיקן זיין דאָ, מיט דער אייגענער משפּחה, צוזאַמען מיט די קינדער, מיט דעם אייניקל און אייניקלעך וואָס איה"ש וועלן נאָך קומען — האָט ער געטראַכט.

דאָס זיינען געוואָרן זיינע איצטיקע מחשבות...

נאָך אַ לענגערן ישוב הדעת, האָט סאָול פיש אַוועקגעשיקט אַ „קייבל-גראַם" צו זיין פאַרטרויאונגסווערטן אַדוואָקאַט, ער זאָל אָנהייבן ליקווידירן און פאַרקויפן זיין גאַנצן פאַרמעגן — אַלע אינוועסטירונגען!

— איך בלייב דאָ — לאָזט ער אים וויסן — מיט מיינע קינדער און מיט דער גרויסער משפּחה יידן, אין ישראל.

טראָץ זיינע זיבעציק יאָר, האָט ער אָבער בשום אופן ניט געוואָלט אויפגעבן צו זיין אַקטיוו ער האָט נאָך געפילט אין זיך גענוג כוח און ענערגיע אויך דאָ אין ישראל זיך צו מאַכן נוצלעך.

— כ'בין ניט געקומען קיין ישראל שטאַרבן, נייערט צו שאַפן און בויען!...

— האָט ער געענטפערט זיינע קינדער און נאָענטע, ווען די לעצטע האָבן אים געזאָגט, אַז ער וואָלט שוין געמעגט אויפגעבן זיין יאָגעניש...

סאָול פיש האָט אויפגעבויט אַ פּאָר האָטעלן אין תל-אביב; געמאַכט אַנדערע אינוועסטירונגען, אָבער... סוף-סוף קומט ער צום באַשלוס — גענוג! מען דאַרף עפּעס טאָן אויך לטובת הכלל פאַרשאַפן זיך אַביסל עולם-הבא; לאָזן נאָך זיך אַ שטיקל נאָמען — אַן ענין וועגן וועלכן ער האָט ביז איצט ניט אָנגעהויבן צו טראַכטן אפילו...

סאָול פיש העלפט אַריבערברענגען יתומים פון אַנדערע לענדער קיין ישראל; בויעט יתומים אנשטאַלטן, שפּיטאַלן, און איז געוואָרן אַן אָנזעעוודיקע פיגור אין דער רעהאַביליטירונג פון די ניי-אַריבערגעקומענע עולים, און אַ וויכטיקער מנדב צום אויפבוי פון זיין ניי-געפונען לאַנד..

ז. בונין

# אין גאַנג פון לעבן

מיין טאָכטער יהודית, צו איר 20טן געבוירנטאָג

דעם מענטשנ'ס דערפאַרונגען און לעבנס-חכמה
ליגן אין זיין פרילינג
ווי פאַרטוויכט אין צוקונפט געהיים.
און רייפן זיך מיט זיין לעבנס-גאַנג
אין זיין האַרבסט,
ווי עס רייפן זיך אין האַרבסט
די פירות אויפן בוים.
געדענק אָבער, אַז פירות
ווערן דאָך ניט צייטיק
אויפן בוים דורך דער נאַכט,
אין זייערן געשמאַק און פראַכט.
ניין!
עס האָט דעם בוים
געמוזט נעמען צייט און יאָרן
פון זאָרגפעלטיקער מי און פלעגן,
טוי און רעגן,
ווינט און שטורעם,
ביז ער האָט אַרויסגעבראַכט זיין פרוכט,
אין איר געשטאַלט און פורעם!

דערפאַרונג און פאַרשטאַנד,
האָט נאָך קיין שול-באַנק
קיינעם ניט געגעבן.
און די בעסטע שול, מיין קינד,
איז אַליין דאָס לעבן!
דעם גוף צו זעטן און צו קליידן,
איז אוודאי גוט און וואויל,
זע אָבער אַז אויך די נשמה
זאָל ניט בלייבן הונגעריק און הייל.

באַנעם אַלץ און אַלעמען מיט פאַרשטאַנד.
און טראָג אויף קיינעם קיין פאַרדרוס.
וועסט אַן עוולה גרינג פאַרטראָגן
ווען אויף יענעם זוכן וועסט אַ זכות.
געדענק, אַז דער שלעגער
קריגט אַמאָל מער
ווי דער געשלאָגענער, געשלאָגן!

דערהייבונג ליגט נאָר אין ליבע
און ממילא אין פאַרשטיין.
דער שוואַרצסטער וואָלקן
ברענגט דער וועלט שפע און ברכה
מיט זיין געוויין!

---

ליזאַ גאַרקעוויטש-שאָר　　　　　יידיש: ל. פּ.

## רוסישע לידער

### אַ שטראַל

מיט איינקע מינוט צוריק
ז'געווען פאַר'יתומ'ט די נשמה,
פאַרטונקלט, דוכט זיך, אונדזער גליק,
געהאָנגען וואָלקנס אין געיאָמער.

און מיטאַמאָל — דורך וואָלקן־פאַלב,
דורך בלייערנעם און גרויען אומעט —
אַ בליץ־געטאָן אויף מיר אַ שטראַל
און אַלץ האָט אויפגעלעבט אַרום מיר.

די האָפענונג האָט זיך צעבליט
מיט נייעם גלויבן אין געמיט.
און גרינגער ווערט מיר דורך די טעג
צו גיין אויף דערנערדיקן וועג.

***

(געווידמעט: ג. ג.)

געדאַרפט וואָלטןביידע
מער גאָרנישט געדענקען,
פאַרגעסן דעם שוידער
פון גאָרן און בענקען.

די קראַנקהייט די זיסע
פון תאווה צעברויזטער
שוין מער נישט געניסן,
שוין מער זיך נישט טרייסטן.

נאָר שווער איז עס גראָדע,
ניין, ממש אוממעגלעך
פאַר יענע, וואָס בראָדיען
אויף אונדזערע וועגן.

# ביי דער הזכרה צו די שלושים פון ליזע שאַר ע״ה

(נעקראָלאָג)

צו די איצטיקע שלושים פון ליזען ע״ה, וויל איך דאָ אַרויסברענגען אַ פּאָר מאָמענטן בשייכות מיט דער פּערזענלעכקייט, ליזע שאָר: ליזע איז געווען אַן אייגנאַרטיקער מענטש, ניט פון דעם דורכשניטלעכן טיפּ פרוי: איר האָט ניט געמאָניעט דער גלאַנץ פון דעם „מינק״ (פּוטער־מאַנטל) און ניט דער שעמעריר פון דימענט־רינגען. זי האָט געפונען איר פרייד און דערהויבונג אין דער סביבה פון שרייבער, דיכטער און שעפערישע קינסטלער. דאָס איז ניט סתם געזאָגט לשם שבח אין כבוד פונם אַוועקגעגאַנגענעם פריינט, נייערט אירע מעשים האָבן זיך בולט מאַניפעסטירט לגבי אַט־דעם דערמאָנטן געביט.

ראשית כל, די שטוב — אַ שטוב איז ניט נאָר די פיר ווענט! עס איז די גייסטיקע אַטמאָספערע וואָס באַהויכט איר: דער ראַפינירטער קינסטלערישער געשמאַק, וואָס ווערט אין איר אַריינגעגעבן; און גאָר איבער אַלץ, וואָס די שאָרס, ווילי און ליזע, זיינען געווען אַזעלכע וואונדערלעכע מכניסי־אורחים, וואָס אַט־די ליטעראַרישע שטוב איז געוואָרן גוט באַוואוסט ניט נאָר פאַר אונדז יידישע יידן אין ל. א., נאָר איז אַריבער דעם גבול פון דאָ־הי און איז גוט באַוואוסט געוואָרן אין דער שרייבערישער סביבה אין ניו־יאָרק. די שטוב פון די שאָרס איז געוואָרן אַ ליטעראַרישער אַדרעס, און אַ ביידייטנדיקע צאָל באַרימטע שרייבער פון ניו־יאָרק זיינען תמיד געווען מיט ליזען אין בריוולדיקער פאַרבינדונג.

די קאָרעספּאָנדענץ פון אַט־די גדולי־הדור, יידישע שרייבער, ווי: גלאַט־שטיין, איציק מאַנגער, חיים גראַדע, גלאַנץ־לעיעלעס, ל. פיינבערג, ליפע לעהרער א״א. אַט־די היפשע זאַמלונג פון זייערע בריוו, במשך אַ צאָל יאָרן, וואָלט זיכער צוזאַמענגעשטעלט אַ ביז גאָר פיינעם פּינקס פון קולטור־ווערטיקן און ליטע־ראַרישן מאַטעריאַל פאַר דעם ייוו״א. איך האָף, אַז ליזע האָט די קאָרעספּאָנדענץ געזאַמלט און אָפּגעהיט און אונדזער ווילי, אים צו לאַנגע יאָר, וועט אַט־די בריוו־זאַמלונג איבערגעבן צום ייוו״א.

ריידנדיק וועגן דער ליטעראַרישער שטוב פון די שאָרס, איז ווערט צו דערמאָנען, אַז ניט איין בוך־פּראָיעקט אויף אַרויסצוגעבן איז דאָ פאַרטראַכט און אָרגאַניזירט געוואָרן; און ניט איין ליטעראַרישע מסיבה איז דאָ דורכגעפירט געוואָרן לכבוד און לטובת געסט־שריפטשטעלער מחוץ ל. א., ווי אויך פאַר היגע יידישע שריפטשטעלער. אַזעלכע ליטעראַרישע מסיבות ווי מיט מאַנגערן, חיים גראַדע. ל. פיינבערג. י. י שוואַרץ א״א, צו וועלכע דער רוב פון אונדז האָבן געהאַט דעם כבוד ביי צוזיין, לאָזן זיך ניט פאַרגעסן. אין דעם זין איז די שטוב פון די שאָרס געווען אַ קולטור־אינסטיטוציע.

ליזע ע״ה, הגם זי האָט זיך ניט באַטראַכט ווי אַ שרייבערין אָדער בכלל ניט פּרעטענדירט אויף וועלכן עס איז באַרוף, איז זי אָבער געווען באַשאָנקען מיט דעם גייסט, דראַנג און אומרו פון אַ שעפערישן מענטשן אין איר אייגענעם זין און ווערט.

ווען מיר קומט אויס צו באַרירן דעם ענין וועגן דעם דראַנג און אומרו פון שעפערישן מענטשן אין אונדזער צייט, קומט מיר אַרויף די מחשבה וועגן דעם

גורל פון אַט־די אומרואיקע נאַטורן, וואָס קענען זיך נישט אַריינפּאַסן און איינ־לעבן זיך אין דער אַטמאָספערע פון דער שאַבלאָנער איינטאָניקער אַלטעגלעכע קליינבירגערלעכקייט... די ס ב י ב ה אין וועלכער עס קומט אויס צו לעבן אַזעלכע בענקנדיקע, צו ערגעץ שטרעבנדיקע נאַטורן, ווי ליזע, איז אַ געצווימטע, אַן אָפּגעפּרעמדטע. ווי אַ פריי־גייסט האָט זי זיך נישט געקענט צופּאַסן מיט אַקטיוויטעט צו אַ באַשטימטער פּאָליטישער ריכטונג, אַפילו ניט צו וועלכע עס איז פּרוּוּען־קרייזלעך אָדער די אַ״ג „באַרימטע אַקזילעריס.“ אַזעלכע אומרו־נאַטורן, מיט אַ באַזונדערן געשמאַק פאַר קינסטלערישקייט און דראַנג פאַר דער־הייבענע מאָמענטן אין לעבן, פילן זיך אָפּטמאָל עלנט און ניט זעלטן פאַרוואָר־לאָזט. און פּונקט ווי דעם שרייבער און קינסטלער פון באַרוף פעלט אָפּט מאָל אויס ז י י ן אינטעלעקטועלע סביבה פאַר אַן אויסדרוק פון זיין שטימונג און געדאַנקען באַנעם, אַזוי האָט אויך ליזען אויסגעפעלט אַט יענע באַהעמיען־קינסטלערישע אַטמאָספערע, אין וועלכער זי וואָלט געקענט אויסלעבן זיך לויט איר באַרוף, בענקשאַפט און דראַנג...

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם פאַר אַזעלכע פריי־גייסטער און אומרו־נאַטורן איז ניט דווקא נאָר ביי אונדז, אויף דער פּראָווינץ, ביירערט אַפילו אויך אין דעם גרויסן פיל מיליאָניקן יידישן ניו־אָרק, פעלט אויס דעם קינסטלער און אינטעלעקטואַל די ראַפינירטע אינטים־היימישע סביבה, כדי צו קענען קינסטלעריש אויסלעבן זיך לויט דעם ווילן און געשמאַק פון דער באַטרעפנדיקער פּערזענלעכקייט...

ליזע האָט במשך די לעצטע עטלעכע יאָר געגעבן אויסדרוק צו איר אינער־לעך קינסטלערישן דראַנג, דורך אָפּגעבן זיך מיט דער סעראַמיק קונסט, און זי האָט אַרויסגעוויזן היפּשן טאַלאַנט און האָט שוין געשאַפן אַ צאָל אָביעקטן פון קינסטלערישן ווערט.

מיר באַעהרן היינט צו די שלושים איר לויטערן אָנדענק. זי וועט זיכער אויספעלן אונדזער יידישער קולטור באַוועגונג און אונדזער היגער ליטעראַרישער סביבה. מענטשן מיט אַזאַ פאַרנעמלעכער באַציאונג צום יידישן געדרוקטן וואָרט און יידישער דיכטונג, ווי ליזע איז געווען, ווערן ביי אונדז וואָס אַמאָל וויניקער און וויניקער, און דעריבער איז די אבידה נאָך שטאַרקער און צער־פולער.

כבוד איר לויטערן אָנדענק.

י. פ.

---

## אין דער 11טער שעה, ווען דער נומער איז געווען גרייט פאַר דער פּרעס

האָבן מיר באַקומען די צער׳פולע ידיעה, אַז דער וועלט־באַרימטער יידישער דיכטער — דער געוויסן פון דער יידישער ליטעראַטור

## ה. ל ײ װ י ק ז״ל, איז נפטר געוואָרן.

מיר זיינען זיך מתיחד אין טרויער מיט דער יידישער וועלט אויף דער גרויסער אבידה פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

כ ב ו ד ז י י ן ה י י ל י ק ן אָ נ ד ע נ ק. (רעד.)

---

פינטשע בערמאַן

## אַ טאָג איז געקומען

די נאַכט איז אַוועק און דער טאָג איז געקומען,
ווי אַ חתן, צעברויזט אין זיין גליק —
קומט, לאָמיר טרינקען די פרייד פון די בלומען
אין זון־שיין וואָס דאָ שוין צוריק.

ערגעץ־וואו הויבן זיך העל־בלויע פלאַמען,
ערגעץ־וואו עכאָט אַ ליד—
קומט, לאָמיר גיין צו דעם פייער צוזאַמען,
צוזאַמען מיט פליגל און טריט.

עס טראָגט זיך דער ווינט איבער צייטיקע זאַנגען
מיט האָפער און פרייד, ווי אַ קינד—
קומט, לאָמיר זינגען די וואונדער־געזאַנגען,
דאָס ליד פון צעהאָפערטן ווינט.

עס תפילה׳ט לבנה אַ לויב נאָך צום בורא,
עס טאַנצן נאָך שטערן אַרום —
קומט, לאָמיר גריסן דעם הימלס מנורה,
וואָס ווינקט אונדז, און רופט צו אונדז: קום!

צעשטראַלט איז דער קאָסמאָס, עס יום־טוב׳ן וועלטן,
עס גייט אויף דאָס געטלעכע ליד—
קומט, לאָמיר באַגעגענען דעם טאָג דעם צעהעלטן,
מיט פלאַם, ווי דער סנה, און געמיט.

## כ׳טראָג דעם יום־טוב ווי אַ פאַקעל

כ׳טראָג דעם יום־טוב, ווי אַ פאַקעל אין מיין גאַנג,
כ׳הער פון גרונטן און פון שטיינער אויך געזאַנג.
ווער ס׳בייזערט זיך אויף שאָטנס, און ער שעלט,
איך — אין מיטן פון דער וואָכן בין צעהעלט.
כ׳שלאָג ניט קיין מאָל זיך אין האַרצן קיין על־חטא,
ס׳איז מיין תפילה, פאַר פאַרגעבונג, קיין געבעט,
ס׳איז אַן אָדע נאָר, צום אָדלער, אין זיין פלי,
ס׳איז אַ פלאַם, וואָס צינדט אָן בלוטן אין אַ גלי.
מיינע הימלען זיינען שטענדיק ברייט צעפראַלט,
און אין זיין גאַנצער פראַכט דאָרט זע איך גאָטס געשטאַלט...

נח גאָלדבערג

# דער שטאָלצער טאַטע

(דערציילונג)

ביי בערל פישמאַנען אין טיפן און הויכן עס־צימער האָבן די שטייענדיקע בליץ־לאָמפן פאַרשפּרייט אַזאַ העלקייט אויף די נייע מעבל, מיט וויין־קאָלירטן טעפּיך, ווי די זון וואָלט היינט גאָרנישט אונטערגעגאַנגען און מיט איר גאַנצער צעפלאַמטקייט אַריינגעשיינט אין די ציכטיקע פענצטער.

אַרום דעם צעפליגלטן טיש, פון אמת מאַהאָגאַנעם האָלץ, זיינען געשטאַנען זעקס ווייכע שטולן, מיט הויכע, אויסגעבויגענע ווענטלעך, און דינע, געשניצטע פיסלעך, אויסגעטאַפּעטירטע מיט גרינעם זייד, האָבן זיי געוואַרט אויף בערלס ייִנגערן ברודער, אפרים, מיט זיין ווייבל, מאַשע, וואָס האָבן נאָך מיט אַ שעה צוריק געדאַרפט קומען און מיטברענגען זייערע אַלטע טאַטע־מאַמע — ישראל מיט גיטעלען.

אַ פאַרפּוצטע אין אַ ווייסן שירצל, האָט די טונקל־הויטיקע דינסט דערוויילט געגרייט צום טיש. אַ וועקגעשטעלט פלאַטשיקע טעלער און טעלערלעך מיט באַגילדעטע ברעגעס, צעלייגט זילבערנע גאָפּל, מעסער, לעפל מיט טיי־לעפּעלעך און האָלענדישע, לייוענטענע סערוועטקע, וואָס זיינען געווען אויסגעפּרעסט און צוזאַמענגעלייגט אין דריי שפּיצן. פון קיל־קאַסטן געבראַכט אַ גלאַנציקע גראַ־פינקע מיט וויין און אַ פלאַש אימפּאָרטירטן קאָניאַק.

בערל האָט באַוואונדערט ווי די דינסט האָט דאָס אַלץ צעלייגט און צעשטעלט אַזוי קונציק, ווי אין דעם עלעגאַנטסטן רעסטאָראַן. דערפאַר אָבער, איז זיין ווייב סעלמע געווען ערנסטער און באַזאָרגטער וועגן דעם אײדער איר בערל. מיטן היינטיקן מאָלצייט האָט זי געוואָלט אויסנעמען. דעריבער האָט זי באַטראַכט יעדע קלייניקייט באַזונדער און געקומען צום אויספיר: דאָס מאָל וועט שוין איר שוועגערן, מאַשע, נישט קאָנען זאָגן, אַז „מען פירט זיך דאָ נאָך אַלץ אויף ווי ביי „גרינע און נישט ווי ביי אַמעריקאַנער נגידים"...

איבערן שטוב האָט זיך מיטאַמאָל צעהוידעט אַ דיבער און דערנאָך אַ דיקער גלאָקן־קלאַנג, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ קלויסטער און שיר נישט אויפגעוועקט די צוויי קינדער אינעם וויטן שלאָפצימער. אַ גלאָסענע איז די דינסט צוגעגאַנ־גען צו דער טיר, ברייט צעעפנט און סעלמע האָט מיט אַ פאַרטיקן שמייכל אויף די ליפּן מקבל־פּנים געווען די געסט:

— האַלאָ, מאַשע, אפרים! און וואָס מאַכט איר? — האָט זי זיך צעקושט מיט דער שוויגער, און אויך דעם שווער געגעבן אַ קוש, וואָס האָט קוים באַרירט זיין וויס־האָריקע באַק — קומט אַריין! שטייט נישט אויפן שוועל!...

פון דעם וואָס ער האָט דערזען אפרימען מיט מאַשען און איבערהויפּט, וואָס זיינע עלטערן זיינען, נאָך אַ פּאָר חדשים אָפּוועזנהייט, ענדלעך געקומען צו אים, האָט בערל געריבן זיך די הענט פון פרייד און אויפגעוואָרפן טאַטע־מאַמע:

— וואָס זענט איר נישט געקומען אַזאַ לאַנגע צייט? די קינדער בענקען דאָך שוין נאָך אייך?!

אין דער אמתן איז דאָס געווען אַן אומזיסטקייער מוסרן. בערל האָט גע־

וואוסט, אַז כל זמן דער טאַטע האָט געאַרבעט און פאַרדינט אויף דער הוצאה פאַר זיך מיט דער מאַמען, זיינען זיי כמעט אַלע וואָך אַראָפּגעפאָרן צו אים פון די בראָנקס און געשפּילט זיך מיט די אייניקלעך. אָבער זינט ישראל האָט אויפגע־הערט אַרבעטן און אָנגעהויבן לעבן פון די אָפּגעשפּאָרטע פאַר דאָלער — זיינען זייערע וויזיטן געוואָרן זעלטענער און אויב די עלטערן זייענען אַ שטיק צייט נישט געקומען — איז דאָס נישט געווען מחמת שלעכטקייט, אָדער די ליבע צו די אייניקלעך איז קלענער געוואָרן, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס סיי ישראל, סיי גיטעלע האָבן נישט געוואָלט מ׳זאָל אויף זיי רחמנות האָבן און די בייזע שעה זאָל נישט זיין — שענקען אַ נדבה...

זיינען טאַקע ישראל מיט גיטעלען, דורך די טעג און אָוונטן, געזעסן ביי זיך אין דער היים, אינעם צוויי־צימערדיקן אַפּאַרטמענטל, וואָס איז געווען אויס־געשטאַט פון צופעליקע שטיקלעך מעבל, פאַר קיינעם גאָרנישט דערציילט, גע־לעבט ווי עס האָט זיך געמאַכט, אַבי נישט אָנקומען צו אַ מענטשלעכער האַנט.

אַז אפרים האָט זיך דערוואוסט פון זייער אמתער לאַגע, האָט ער אָנגעקלונגען צו בערלען אויפן טעלעפאָן:

— די אַלטע דאַרף מען מיט עפּעס אַרויסהעלפן. אָבער מען מוז דאָס טאָן זייער פאַרזיכטיק, פאַרשטייסט ?

— ביסט גערעכט — איז בערל איינשטימיק געווען מיט אפרימען — איך דענק אַז מען האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט עפּעס טאָן. איז אַזוי ווי דו וואוינסט דאָך אויך אין די בראָנקס און איך אין ברוקלין, וואָלט זייער גוט געווען אַז דעם קומענדיקן שבת־צו־נאַכט זאָלסטו זיי ברענגען צו מיר אויף וועטשערע און וועגן פאַרזיכטיקייט, מעגסטו זיך פאַרלאָזן אויף מיר.

אויך סעלמע איז געווען צופרידן. אָבער נישט דערפון, וואָס בערל וועט אַלע וואָך דאַרפן געבן אַ באַשטימטע סומע געלט זיינע עלטערן, נאָר פון דעם, וואָס זי וועט זיך דערווייל קאָנען אַרויסשטעלן פאַר מאַשען מיט די נייע מעבל און ריזיקן טעלעוויזיע אַפּאַראַט, וואָס האָט מיט זיין הויכן און ברייטן געשטעל, נאָך רייכער געמאַכט דאָס גאַנצע הויז.

בערל האָט נישט געוואוסט פון סעלמעס געדאַנקען און געהאָלפן דער מאַמען אויסטאָן דער אויבערמאַנטל, אים אַריינגעהאָנגען אין אַלמער, פאַרשטייט זיך, אַביסעלע אָפּגערוקט פון זיין ווייבס קליידער דאָרטן... אויך דעם טאַטן אָנגע־באָטן דאָס זעלבע. אָבער דער אַלטער האָט זיך נישט געלאָזט באַדינען:

— איך קאָן נאָך אַליין אויסטאָן מיין פּאַלטאָ און אַריינהענגען....

די געסט זיינען אַריין אינעם גרויסן זאַל. סעלמע האָט זיי געוויזן די נייע מעבל, די טעלעוויזיע און די לאָמפּן, געגעבן צו פאַרשטיין פון וואָס פאַראַ געהילץ און מאַטעריאַלן יעדע זאַך איז געמאַכט און פון וועלכע געהויבענע פאַבריקן זיי קומען. זי האָט גערעדט וועגן דעם מיט אַזויפיל געניטקייט, ווי אַן אמתע קרע־מערקע און אַלץ געוואָלט הערן פון מאַשען כאָטש איין גוט וואָרט.

עס קאָן זייער זיין אַז מאַשע וואָלט סוף־כל־סוף געזאָגט איר מיינונג, אַז אַזעלכענע רייכע מעבל זיינען ווי ציטערדיקע קינדער ביי אַ מאַמען: מ׳דאַרף דאָס כסדר פּילעווען... אויף די שטולן טאָר מען זיך נישט אַוועקזעצן און ס׳האָט גיכער געדאַרפט שטיין אין אַ מוזעאום אײדער אין אַ געוויינטלעכער שטוב... נאָר בערל האָט אין מיטן דעריבער געבעטן די אורחים צום טיש:

— דו, טאַטע, זעץ זיך נעבן מיר; די מאַמע — אַנטקעגן; אפרים מיט מאַשען וועלן זיצן וואו זיי ווילן; אפריער וועלן מיר אָפּעסן און דערנאָך... אַגב, וויל איך אייך אויסזאָגן אַ סוד, אַז צוליב דעם טאַטן מיט דער מאַמען האָט סעלמע אויף היינט געדונגען אַ יידישע קעכן, וואָס האָט אַלץ אָפּגעקאָכט לויטן דין — אפילו דער פּרומסטער ייד מעג דאָ איצט עסן!...

מיט אָפּשיי פאַר די טייערע מעבל האָט זיך ישראל אָוועקגעזעצט אויף אַ ברעג שטול און מורא געהאַט צו בלייבן זיצן מיטן גאַנצן געוויכט. אויך די אַלטע גיטעלע האָט זיך נישט געפילט אַ סך בעסער פון איר מאַן. און כאָטש זיי האָבן איצט צווישן זיך נישט גערעדט און אפילו אויסגעמיטן צו קוקן איינער אויפן אַנדערן, איז אָבער געווען צו זען, אַז ביידן האָט פאַרדראָסן, הלמאי אַ ברייטער טיש האָט זיי צעשיידט און לאָזט זיי נישט זיצן צוזאַמען...

די דינסט האָט דערלאַנגט דעם פאַרשפּייז, וואָס איז באַשטאַנען פון איינגעהאַקטע היגערשע לעבערלעך מיט ציבעלע, באַדעקט מיט לושעס געגדזענעם שמאַלץ. אַרום און אַרום זיינען קליינינקע רעטעכלעך געווען אַרומגעשטעלט ווי זעלנערלעך. זייערע רויטע פעלערינקס זיינען געווען צעשפּילעטע און אַנטבלויזט ווייסע בייכעלעך. אין מיטן דער לושע איז יוסטגע געזעסן אַביסל אַ גרעסערער רעטעכל. זיין פעלערינקע איז געווען צוגעקנעפּלט ביזן האַלדז. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ גרינע קרוין און מיט ווירדע געקיניגט סיי איבער דעם רינגסאַלדאַטן און סיי איבער דער אכילה.

מען מוז צוגעבן, אַז עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף דעם. נאָר נישט ישראל און נישט גיטעלע האָבן זיך צוגערירט דערצו:

— עסט דאָס אַלץ געזונטערהייט — האָט דער אַלטער געזאָגט — איר ווייסט דאָך, קינדער, אַז אַ חוץ דער מאַמעס געקעכץ עס איך אין ערגעץ נישט... סיידן אַמאָל אַביסל בראָנפן אָדער אַ גלאָז טיי...

סעלמען האָט דאָס פאַרדראָסן, נאָר זי האָט גאָרנישט געזאָגט און ביידע ברידער מיט זייערע יונגע ווייבלעך האָבן זיך אַ נעם־געטאָן צו יעדער פּאַטראַווע מיט אַזאַ זשעדנעקייט, ווי זיי וואָלטן פאַרזוכט די יידישע מאכלים צום ערשטן מאָל.

נאָך דער וועטשערע האָבן די ווייבלעך פאַרפירט אַ רייד וועגן די הויכע פּרייזן אויף מעבל, און די מענער — וועגן געשעפט און פּאָליטיק. אַביסל שפּעטער, אַז סעלמע מיט מאַשען זיינען אָוועק צוריק אינעם גרויסן זאַל צו קוקן אויף די בילדער אין דער טעלעוויזע, האָט בערל אויסגענוצט די געלעגנהייט און אָנגערופן זיך צו ישראלן:

— הער זיך איין, טאַטע! מיר ווייסן אַז די פאַר דאלער וואָס דו האָסט אָפּגעשפּאָרט פון דיין פּיינטערי זיינען שוין פון לאַנג אָוועק. אַלעמאָל האָסטו שווער געאַרבעט, געטאָן אַלץ פון אונדזערטוועגן. מעגן מיר איצט עפּעס טאָן פון דיינעטוועגן. איז זאָג מיר, וויפיל געלט ווילסטו האָבן אַלע וואָך?

ישראלס לענגלעכער פּנים איז נאָך לענגער געוואָרן. אויף דער געלבלעכער הויט האָט זיך אַ פּלוצימדיקע רויטקייט באַוויזן. אין האַלדז האָט אים עפּעס אַ ווערג געטאָן. די הענט מיט די פיס האָבן אָנגעהויבן ציטערן. די לאַנגע, אַראָפּהענגענדיקע ברעמען האָבן זיך אויסגעקרומט און צעווויסן געגעבן, אַז דער מענטש איז אין כעס. אויך גיטעלע איז בלאַס געוואָרן און געוואָלט אַ געשריי טאָן: „טוט נישט ווי דעם טאַטן!“ זי האָט אָבער קיין איינציק וואָרט נישט געקאָנט

אַרויסברענגען אויף די צוקנדיקע ליפּן און טיף אין האַרצן מיטגעליטן מיטן מאַנס אינעווייניקסטן ווייטיק.

געכאַפּט זיך צוליב וואָס מען האָט אים געבראַכט אַהער, האָט זיך ישראל אויפגעהויבן פון דער גבירישער שטול און אין זיינע גרויע אויגן האָט זיך באַוויזן אַזאַ אומעט, וואָס האָט געריסן די נשמה און געשניטן דאָס האַרץ:

— קינדער, איך דאַנק אייך פאַר אייער גוטסקייט; אונדז פעלט גאָרנישט; מיר דאַרפן קיין זאַך נישט האָבן... דעם סגאַנצן לעבן האָב איך ערלעך געאַרבעט, צו קיינעם נישט אָנגעקומען און איך האָף, אַז אַזוי וועל איך מיט דער מאַמען שוין דערציען די לעצטע פאַר יאָר, וואָס דער אויבערשטער וועט שענקען... איז אויב איר האָט אונדז געבראַכט אויף צום באַליידיקן, וועלן מיר גלייך אַוועקגיין פון דאַנען...

— טאַטע — האָט בערל נישט געקאָנט באַנעמען דעם פאָטערס שטאָלץ — מיר זיינען דאָך נישט קיין פרעמדע! מיר האָבן פּונוואַנען צו העלפן. ביי אונדז מעגסטו נעמען, פונקט ווי מיר האָבן גענומען ביי דיר; ביסט שוין נישט קיין יונגערמאַן; קיינער וועט דיר צו דער אַרבעט מער נישט נעמען; וואו וועסטו פאַרדינען אויף דער הוצאה? דו באַגייסט אַן עוולה אַנטקעגן דער מאַמען!..

דאָ האָט שוין גיטעלע מער נישט געקאָנט איינזיצן אין דער זיידענער שטול און באַהערשן דאָס געשריי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר דינעם האַלדז:

— פאַר מיר זאָלט איר זיך נישט זאָרגן!... כל־זמן דער טאַטע וועט לעבן, געזונט זיין און האָבן אפילו נישט מער ווי איין שטיקל ברויט, וועט פאַר מיר אויך זיין גענוג!...

ווי אַ שולדיקער האָט ישראל אַראָפּגעלאָזט דעם גרויען קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן און צופרידן געווען מיט גיטעלעס פיינעם ענטפער. שטומערהייט האָט ער איר געדאַנקט, וואָס זי פאַרשטייט אים און טיילט זיך מיט זיין גורל. אָבער ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען ביי איר אין די אויגן אַ פּאָר קיילעכדיקע טרערן, וואָס זיינען שוין גרייט געווען אַ קייקל־צו־טאָן זיך איבער אירע בלאַסע באַקן, האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דערמיט האָט זי אַרויסגעוויזן שוואַכקייט פאַר די קינדער:

— קום אַהיים, גיטעלע, עס איז שוין שפּעט!...

אפרים, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שווייגנדיקער און מיט די קלוגע, דורכדרינגענדיקע אויגן געקוקט אויף ישראלן מיט גיטעלען, איז געווען אַ פעסט־געבויטער יונגערמאַן אין די פריע דרייסיקער יאָרן. ער האָט פאַרמאָגט אַ הור־טאָוונעם געשעפט פון פאַרשיידענע געצייג פאַר סטאָליאַרעס, בויער, בלעכער און אייזן־אַרבעטער. ביי אים אויף די פילע פּאָליצעס און ברייטע סטאָיקעס, האָט מען געקאָנט זען רערן, קראַנען, הובלען, זעגן, דלאָטעס, אַלערליי האַמערס און שלע־סער מיט שליסלעך, ווי אויך שרויפן און טשוועקעס, וואָס מען האָט גערדאַרפט האָבן „אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער״ צו געדענקען זייערע נעמען און וואו זיי ליגן.

ביז אַ מיט אַ פּאָר חדשים צוריק פלעגט ישראל אָפט קומען צו אפרימען אין געשעפט. ער האָט ליב געהאַט שעה׳ען אַרומצעוואַנדלען איבערן גרויסן געשעפט און אָנקוועלן פון זיין זונס דערפאָלג. ווען ער האָט באַמערקט, אַז עפּעס איז אַראָפּגעפאַלן און וואַלגערט זיך אויף דער ערד, האָט ער דאָס אויפגעהויבן, אָפּגעווישט, פאָרזיכטיק אויפגעהאַנגען, צי אַרויפגעלייגט אויפן געהעריקן אָרט

און גליקלעך געווען, וואָס דערמיט האָט ער עפּעס אויפגעטאָן פאַר אפרימען.

דערפאַר אָבער האָט ער בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרליידן די אָנגעשטעל־טע, נישט געקאָנט פאַרטראָגן וואָס זיי באַוועגן זיך אַזוי פּאַמעלעך. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן, איז עפּעס נישט געגנוג, אַז ער וואָלט די זעלבע זאַך געמאַכט אַ סך טיכטיקער און געשיקטער פון זיי. דעריבער איז ער שטענדיק אַוועק פון דאַנען מיט אַ פאַרדראָס און ערגעץ אין האַרצן מורא געהאַט, אַז די אָנגעשטעלטע וועלן אפרימען דערפירן צו דער טאַרבע...

דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיק צייט, ביז אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען אפרים האָט דעם טאַטן אָפּגעפירט אַהיים אין זיין שוואַרצן, גלאַנציקן אויטאָמאָביל און אויפן וועג געפרעגט:

— טאַטע, דו אַרבעטסט דאָך ניט, איז אפשר דאַרפסטו האָבן אַביסל געלט?

פון דער אומדערוואַרטעטער פראַגע האָט זיך דעמאָלט ישראל אַזוי באַליי־דיקט, אַז נאָכדעם איז ער אַ פּאָר חדשים נאָכנאַנד נישט געגאַנגען צו ביידע זין, כאָטש גיטעלע האָט אים נישט איינמאָל אויסגערעדט דערפאַר:

— אַ טאַטע דאַרף זיך נישט ברוגזן אויף אייגענע קינדער!

אמת, דער כעס איז שוין לאַנג אויסגערונען פון ישראלס געדעכעניש און אויך אים האָט זיך געוואָלט זען די קינדער און שפּילן זיך מיט די אייניקלעך, פּונקט ווי גיטעלען. דאָך האָט ער דאָס נישט געוואָלט אַרויסווייזן און אויפּ־געהויבן דע מאייגענעם „איך" העכער פון אַלע געפילן:

— קינדער דאַרפן וויסן, אַז אַ טאַטע איז אויך אַ מענטש...

איצט איז דער שטענדיקער שמייכל פאַרשוואונדן פון אפרימס רונדן פּנים. נאָר די וואַרעמע, ברוינע אויגן האָבן געקוקט אויף ישראלן מיט דער זעלבער ליבע ווי אַלעמאָל:

— טאַטע, זעץ זיך אַוועק. איך וויל דיך פרעגן: צוליב וואָס, אַ שטייגער, טויגן די רייד וועלן „העלפן־שמעלפן", אַז דו קאָנסט אַליין אויך פאַרדינען אויף דער הוצאה? דו ביסט דאָך נישט אַזוי אַלט און קיין קאַליקע, חלילה, אַוודאי ניט! ביסט נישט איינמאָל געווען ביי מיר אין געשעפט און געזען, אַז מען דאַרף דאָרטן האָבן הונדערטער אויגן!... אַליין קאָן איך זיך נישט אייבקערן, כ'מוז האָבן עמיצן וואָס זאָל מיר העלפן אָנפירן מיט די ביזנעס... וואָלט אפשר געווען אַ סברה, זאָלסט קומען צו מיר אַרבעטן אַ פיר שעה אַ טאָג און איך וועל דיר צאָלן וועכנט־לעכן געהאַלט ווי אַלע אַרבעטער?...

בערל האָט צעעפנט דאָס מויל, נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם זין פון אפרימס רייד און ישראל האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט — דאָס מאָל שוין מיטן גאַנצן געוויכט. דערהערט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַרבעט, זיינען די איינגעפאַלענע באַקן פולער געוואָרן; אין די אויגן האָבן זיך זשעדנע פלעמעלעך באַוויזן; די אויערן האָבן זיך אָנגעשפּיצט און גרייט געווען אויפצוכאַפּן יעדעס וואָרט וואָס אפרים וועט אַרויסזאָגן. פון אונטער די ברעמען האָט ער אַ בליק געטאָן אויף גיטעלען, געזען ווי איר ווייסער, צאַרטער פּנים האָט אַרויסגעשיינט פון דעם שוואַרצן, גע־שטריקטן שאַל, און דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען אַז אויף דעם איז זי מסכים.

— דו שפּאַסט פון מיר אפרים? אפשר דענקסטו, אַז דערמיט וועסטו מיך אַריינבנאַרן אין זאַק און אַזוי אַרום באַהילפיק זיין? מאַכסטו אַ טעות. פאַר געלט קאָנסטו דאָך קריגן אַ יונגערן פון מיר...

— הער זיך איין טאַטע — איז אפרים צופרידן געווען וואָס אים איז איינ־געפאַלן אַזאַ געדאַנק און סוף־כל־סוף צוגעטראָפן ישראלן — פרעמדע מענטשן האָב איך געגנוג!.. אָבער אויף דיר וועל איך זיך קאָנען פאַרלאָזן ווי אויף זיך אַליין. און דעם אמת געזאָגט, נייטיק איך זיך אין דיין הילף מער איידער דו אין מיינער...

פון גרויס פרייד האָט זיך ישראל אָנגעגאָסן אַ גלעזעלע בראָנפן. מיט איין קער עס אַריינגעגאָרגלט און געוואָרן אַביסל צוגעלאָזענער. פונעם שטאַרקן גע־טראַנק איז זיין לאַנגע, האַרבעוואַטע נאָז אַזוי רויט געוואָרן, ווי עמיצער וואָלט אינעווייניק אָנגעצונדן אַ פּאָר לעמפּעלעך. איצט איז ישראל געזעסן אויפן שטול מיט אַזאַ באַלעבאַטישער זיכערקייט, ווי ביי זיך אין דער היים:

— זעסטו, מיין זון, אַרבעטן און פאַרדינען — איז עפּעס אַנדערש! ווייבאַלד אַזוי, דאַרפסטו בלויז זאָגן ווען איך זאָל קומען צו דער אַרבעט...

— וואָס איז דאָס פאַרא רייד, טאַטע? — איז אפרים כלומרשט ביי געוואָרן, וואָס דער אַלטער גלייבט נאָך אַלץ נישט און פרעגט איבער די זעלבע זאַך. אין דער אמתן אָבער, האָט ער גאָר אַ פאַרגנבעטן בליק געגעבן אויף בערלען, געוואָלט טרעפן וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף אים געמאַכט דער דאָזיקער פּלאַן און צי ער פאַרשטייט בכלל דעם איינפאַל זיינעם. — איך האָב דאָך שוין דיר געזאָגט, אַז אין געשעפט דאַרף איך דיך האָבן פון אַרום צען אינדערפרי, ביז צוויי אָדער דריי בייטאָג, ווען ער ווערט שטאַרק „ביזי״.

אַהיים זיינען זיי געפאָרן גאַנץ שפּעטלעך. אפרים האָט אָנגעטריבן דעם אויטאָמאָביל. מאַשע איז געזעסן נעבן אים און דער טאַטע מיט דער מאַמען—אויף די הינטערשטע זיץ־פלעצער. ווען די גומענע רעדער האָבן אַ לעק געגעבן דעם וויליאַמסבורגער בריק, וואָס האָט געפירט פון ברוקלין קיין ניו־יאָרק, האָט ישראל בגנבה אויפגעזוכט גיטעלעס האַנט און מיט צאַרטקייט אין זיינע ביינער־דיקע פינגער אַ גלעט געגעבן:

— נו, וואָס זאָגסטו, גיטעלע? קינדער! האַ?...

זי האָט נישט געוואָלט אַז דער זון מיט דער שנור זאָלן דערהערן וואָס זי וויל זאָגן. האָט זי אַ רגע אָפּגעוואַרט. דערנאָך אַביסל צוגעצויגן זיך צום מאַן און מיט ליבלעכקייט אין קול געענטפערט:

— וואַרט, וועסט נאָך זען, אַז מיט „זיין״ הילף וועט זיך נאָך אָנהייבן אַ ביי לעבן פאַר אונדז. דו ווייסט דאָך בעסער פון מיר, אַז אַ מענטש טאָר נישט פאַר־לירן די האָפענונג...

מאָנטיק איז אפרים געקומען אין געשעפט פריער פאַר אַלעמען. ער איז גלייך אַריין צו זיך אין קאַבינעט, פאַררויכערט אַ ציגאַר, אָפּגעוואַרט ביז יעד אָנגעשטעלטע האָבן זיך באַוויזן, אַריינגערופן זיי און שטרענג אָנגעזאָגט.

— היינט וועט מיין פאָטער קומען אַהער אַרבעטן. וויל איך אַז איר זאָלט אים אָפּגעבן דעם גרעסטן דרך־ארץ! איר קאָנט טאַקע אָנגיין מיט אייער אַרבעט ווי ביז אַהער. נאָר יעדע זאַך וואָס איר וועט פון היינט אָן דאַרפן טאָן, זאָלט איר זיך אָפּריער באַראַטן מיט אים, פונקט ווי ער וואָלט געוואוסט די אַרבעט בעסער פון אייך, איר פאַרשטייט?... איבערהויפּט מוזט איר זען, אַז אים זאָל דאָ זיין אָנגענעם!

יעדער אָנגעשטעלטער איז דאָ געווען פּינקטלעך און דערפאַרן אין זיין אַרבעט. פונדעסטוועגן איז אין עטלעכע טעג אַרום צוגעקומען צו ישראלן דער

הויפּט־פאַרקויפער מיט אַ זעג אין האַנט און הכנעהדיק געפרעגט:

— מיסטער פישמאַן, איך האָב געוואָלט פרעגן ביי אייך אַן עצה וואָס צו טאָן. אַט די „סטענלי" זעגן זייבען הייבנט שווער צו באַקומען. איז פאַראַן אַ ייד, וואָס וויל קויפן פופצן שטיק. זאָל איך דאָס אים געבן, אָדער וואַרטן ביז מען וועט קאָנען נעמען אַ העכערן פּרייז פאַר זיי?

נישט אַכטנדיק וואָס ישראל איז אַוודאי הונדערטער מאָל געווען דאָ אין געשעפט און געזען ווי מען קויפט און פאַרקויפט פאַרשידענע אַרטיקלען, דאָך האָט ער פון מסחר קיין אַנונג נישט געהאַט. אָבער אַראָפּפאַלן ביי אַ מענטש אין די אויגן איז אויך נישט געווען אנגענעם, האָט ער זיך אײנגאַנצן פאַרלאָזן אויף זיין אייגענעם יושר:

— מסתמא איז דאָך דער ייד נישט קיין נגיד און וואַרטן אויף העכערע פּרייזן, איז דאַכט זיך בכלל נישט קיין שיינע זאַך. דעריבער וואָלט איך געזאָגט, אַז איר זאָלט דאָס אים געבן אויפן אַלטן מקח.

פונקט צו דער וואָך האָט אים אפרים דערלאַנגט דעם ערשטן קאָנווערטל מיטן געהאַלט און אפילו מיט אַן אויג נישט קיין פינטל געטאָן. דער טאַטע האָט דעם בייכיקן קאָנווערטל אַ ווײלע געהאַלטן אין די אויסגעאַרבעטע הענט, דערנאָך פאַרזיכטיק אַריינגעלייגט אין אַ הויזן־קעשענע און דערפילט, אַז דאָ וואו דאָס קאָנווערטל האָט זיך איצט געפונען, איז אַ וואַרעמער שטראָם דורכגעלאָפן.

פאַרנאַכט האָט זיך דער אַלטער ישראל געאײלט צום סאָבוויי. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער קומען אַהיים און אָפּגעבן גיטעלען דאָס געלט. איז ער געגאַנגען מיט אַזאַ גיכן און גרינגן טראָט, ווי ער וואָלט צוריק יונג געוואָרן. און ווען ער איז שוין געזעסן אין באַן, האָט מיטאַמאָל אַ שטילע תפילה אָנגעהויבן אַרויסזינגען ביי אים פון האַרצן און דער שטאָלצער טאַטע האָט גאָט געדאַנקט, וואָס ער קאָן נאָך אויף דער עלטער נוצלעך זיין און פאַרדינען זיין שטיקל ברויט דורך אייגענער, ערלעכער מי...

---

יהושע ריווין

## ריר זיך, פירער, פאָר

ריר זיך, פירער, פאָר,
ניט פאַרשלאָף די נאַכט;
ערגעץ שפרייזט דער טויט,
ערגעץ אומגליק וואַכט.

הער זיך, הער זיך צו,
ווי דער טויט זיך מאָנט,
ווי דאָס אומגליק וויינט,
ווי די שכינה קלאָגט.

ריר זיך, פירער, פאָר,
קלער ניט פון קיין רו;
שאַרף דיין אויער אַן...
הער זיך, הער זיך צו.

ווי דער ווינט זיך שפרייט,
ווי דער ציטער רעדט;
ריר זיך, פירער, פאָר,
ביסט שוין סיי ווי שפּעט.

ווי די שטילקייט ברומט,
ווי די מורא רעדט;
ריר זיך, פירער, פאָר,
ביסט שוין סיי ווי שפּעט.

אפשר וועסטו נאָך
בייקומען די שרעק;
ריר זיך, פירער, פאָר,
בלייב ניט שטיין אין וועג.

ד״ר א. שראַגענהיים

# פופציק יאָר העברעאישער רענעסאַנס אין אַמעריקע

## (לכבוד דעם הייליקן אָנדענק פון דניאל פּערסקי ז״ל)

מיט פופציק יאָר צוריק איז געקומען אַן אויפלעבונג און באַנייאונג פון דער העברעאישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. דאַן איז דערשינען „סגולית״ (די זאַמ־לונג פון העברעאישע לידער, געשאַפן פון אַמעריקאַנער העברעאישע דיכטער) און גלייכצייטיק מיטן פּאָעטישן שאַפן ווייזן זיך אויך פּראָזאַאיקער און עסיי־איסטן אין העברעאיש.

עס ווייזט זיך דאַן אויך דער פּיאָנער פון העברעאיש אין ניו־יאָרק, דניאל פּערסקי, וועלכער וועקט און מונטערט די פאַרשלומערטע העברעאישע שריפט־שטעלער, וואָס ער זוכט אויס צווישן די נייע שטראָמען פון מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס באַווייזן זיך דאַן אין ניו־יאָרק.

דניאל פּערסקי האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע אַלס אַ מיט־אַרבעטער פון י. ח. ברענערס חודש־זשורנאַל „המעורר״. דער מינסקער יונגער־מאַן, וועלכער קומט דאַן קיין אַמעריקע, גרינדעט די „עבריה״, וואָס פאַרשפּרייט אויך די וואָכנשריפט „הפועל הצעיר״, וואו דניאל פּערסקי ווערט מיטאַרבעטער. צווישן די יידישע איינוואַנדערער, וואָס קומען קיין אַמעריקע, אַנטוויקלט ער אַ פּאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט און זאָרגט דערפאַר, אַז אָנגעקומענע העברעער זאָלן זיך געפינען היימיש אין נייעם לאַנד.

שפּעטער טרעפן מיר שוין פּערסקין אין „התורן״, „אחיעבר״ און אין „הדואר״ וואו ער שרייבט יעדע וואָך זיין פעליטאָן, וואָס קוועלט מיט הומאָר, סאַטירע, צייכנט זיך אויס מיט שפּילעוודיקייט און דער עיקר פאַרליבטקייט אין דער העברעאישער שפּראַך.

דער פּאָעט שניאור האָט געשריבן, אַז ווען מיר זאָלן האָבן כאָטש אַ טוץ, ווי דניאל פּערסקי, וואָלט די העברעאישע פּאָעזיע אַ סך געוואונען דערפון, ווייל פּערסקי איז דער טויכער פאַר עקסעלאַנס, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אין די טיפסטע טיפענישן פון אונדזערע קולטור־אוצרות און ברענגט אַרויף וואונדערבאַרע פּערל, וואָס באַרייכערן אונדזער ליטעראַטור.

ווי געזאָגט, „עבר יאנכי״ מלא וגדוש מיט זייער אינטערעסאַנטן לייען־שטאָף, געשריבן לייכט, פאַרוויילענד און באַלערנד. באַזונדער וואונדערלעך זיינען זיינע עסייען וועגן באַוואוסטע העברעאישע שרייבער, ווי טשערניכאָווסקי, מענדעלע, אחד־העם און אַנדערע..

אַ געוויסע צייט איז דניאל פּערסקי געווען אין ארץ ישראל און אויך דאָ האָט ער געדרוקט זיינע גייסטרייכע עסייען אין פעליטאָנען אין „הארץ״, „כתו־בים״ און אַנדערע צייטונגען. ער האָט אויך געהאַלטן לעקציעס וועגן דעם ניי־העברעאישער ליטעראַטור פאַר שטודירנדיקע יוגנט און סטודענטן פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט. די ענגע שייכות פון פּערסקין מיט דער ליטעראַ־טור איז געקומען צום אויסדרוק אין זיינע עסייען וועגן פאַרגעסענע העברע־אישע שרייבער, ווי משה ראָזענסאַן און אַנדערע, וואָס קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. ער האָט די דאָזיקע „אובדים ונדחים״ ווידער איינגעפאַסט ווי רינגלעך אין דער קייט פון דער יידישער יצירה.

אסתר שפּאַנקע

# מיטן כוח פון זיידנס שטעקן

(אַ מעשה)

ערב הושענא־רבה. עס זיצן דריי שמשים און פלעכטן הושענות. דער באַלע־באָס פונעם שטיבל און צוויי אַנדערע. איינער איז משה שכנאס, אַ הויכער מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד און אויגן ווי שוואַרצע קוילן, טרויעריקע. ער האָט אויסגעזען ווי אַ ביבליש געשטאַלט, אַזוי ווי מען וואָלט אים אַרויסגענומען פונעם חומש; נאָר ער איז געווען דערשלאָגן, מחמת דאָס גבאות ביים רבין איז אים ניט געווען צום האַרצן. דער רבי פלעגט זיך שאַפן מיט אים ווי מיט אַ משרת און אים רופן: „שוואַרצער שד", דערלאַנג מיר מיין שטעקן! דערלאַנג מיר מיין טאַבאַק־פושקעלע! און כאָטש אַזוי, האָט ער דעם רבין טריי געדינט און אים אָפּגעהיט זיין כבוד. אַ שטייגער, אַז דער רבי איז אַרויסגעגאַנגען פונעם בית־הכסא שטיבל, פלעגט ער אים זאָגן: „רבי־לעבן, נשים גייען, זייט מוחל דעם פאַרנט פון אייערע תחתונים." פלעגט ער אים אַריינשרייען אין פנים אַריין: „פאַר נשים דאַרף איך זיך אויך פאַרסטראָיען?"...

צווישן די שמשים פילט זיך משה שכנאס מער היימישער, ספּעציעל ווען עס זיצט ערשט דער דריטער שמש, בן־ציון, וועלכער איז אויך מיט אַ שוואַרצער ברייטער באָרד, נאָר אַביסל באַזילבערט. זיין ווייב האָט ניט געהאַט פאַר אים קיין קינדער און כאָטש זי איז געווען אַ כשרע יידענע מיט אַ קופּקע, האָט עס איר אַלץ ניט געהאָלפן צו האָבן קיין קינדער...

בן־ציון האָט געשטאַמט פון גאָר גרויסן יחוס, אַזוי האָט מען געזאָגט. זיין זיידע איז געווען אַ גרויסער „גוטער ייד", אַן אייניקל פון אַ „גרויסן"... האָט ער אויסגענוצט יעדער געלעגנהייט, אַז נאָר אַ קלאַפּ מיטן שטעקן פון אייניקל איז דער הייליקער זיידע באַלד געקומען צו הילף... בן־ציון שמש האָט מען גענוצט צו אַלצדינג אין שטעטל: חתונות, בריתן, לוויות און אַנדערע יידישע זאַכן. ער האָט אויך אַלע פרייטיק אָוונט גערופן אין שול אַריין; ווען ער פלעגט זיך נאָר באַווייזן פרייטיק נאָכט־צו אויפן מאַרק, האָט מען שוין דערפילט אַז דער שבת קודש פאַלט צו; ער פלעגט אַדורכגיין דורכן מאַרק מיטן שטעקן און רופן מיט אויסגעצויגן קול, וואָס האָטברייט און ווייט אָפּגעקלונגען: „אין שוהל אַריין!"

אונטער דעם דאָזיקן רוף, וואָס איז געווען דער אָנזאָג, אַז דער שבת קודש קומט אָן, האָבן די באַלעגאָלעס, די ערשטע, אַראָפּגעכאַפּט די טאָרבעס פון די פערדישע מאָרדעס, צוזאַמענגענומען די שפּאַנען, און אַראָפּגעפאָרן פונעם מאַרק. די טרעגערס האָבן אָפּגעבונדן די שטריק פון זייערע לענדן און אויסגעשמירט די שטיוול מיט „טראָן", וואָס האָט געגלאַנצט ווי אמתער לאַקיר אונטער דער פאַרגייענדיקער זון; זיי האָבן אָפּגעקלאַפּט דעם פּראָך פון זייערע פאַרמעליקטע בגדים און געלאָזט זיך גיין מיטן שול־הויף באַרג־אַראָפּ צו זייערע היימען אויף איבערטאָן זיך אין זייערע לאַנגע, שבתדיקע קאַפּאָטעס, מיט די גאַרטלען, וואָס האָבן זיך געבאַמבלט ביז די זייטן — זיי זיינען געווען גרייט צו גיין אין שול אַריין.

משה גרינעס האָט צוגעמאַכט אַ האַלבע טיר פון שענק, אַן אָנווייז אַז דאָס רעשט ביסל מענטשן וואָס געפינען זיך אין שענק זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין, ווייל דער שבת רוקט זיך אָן. בוטשע עסיקמאַכערס קינדער האָבן פאַרמאַכט די עסיק־

קראַם. רבקה חנה־היהס האָט גענומען אַריינשלעפּן די פּעסלעך הערינג, זעקלעך זאַלץ אין קראַם אַריין, וואָס איז געווען באַלאַגערט פול מיט אויסגעצוואָגענע מיידלעך מיט יינגלעך, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַנגרייטן „באַניקערן" פאַרן שבתדיקן שפּאַציר...

בן ציון האָט דאַן אַרומגעשפּאַנט מיט זיין שטעקן ווי אַ תקיף אין שטאָט און זיין קול האָט אַלץ פאַרכטיקער זיך געצויגן און גערופן: א י ן ש־יי־י־ל אַ ר יי ן! ער איז ניט אַוועק פון מאַרק ביז די אַלע קראָמען זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אויף די אייזערנע שטאַבעס; ער האָט האָט אַלץ געשפּאַנט ווי ער וואָלט געווען דער הייליקער, שבתדיקער געוויסן פון שטאָט...

די לעצטע זון־שטראַלן האָבן זיך צעגלאַנצט אויף די רויט־געפּאַרבטע דעכער פון די קראָמען און זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די ווייסע מויערן און אויך אויף נידריקסטע יידישע שטיבלעך, אפילו דער קופּאָל פון פּוילישן קלויסטער האָט זיך אויך אַנגעצונדן פון דער שקיעה, וואָס האָט אויסגעקוקט, אַז דער שבת האָט אים צוגעוואָרפן אַ שבתדיק ביינדל...

אין די שויבן האָט זיך באַוויזן דאָס ליכט פון די אָנגעצונדענע בענטש־ליכט אין די מעשענע לייכטער; דאָס שטעטל האָט געבענטשט ליכט לכבוד שבת. בן־ציון האָט פאַרשלאָסן די וואָך און זי פאַרזיגלט מיט אומזעבאַרע שלעסער — שבת אויף דער וועלט...

בן־ציון, זיצנדיק צווישן די שמשים, ביים פלעכטן די הושענות, דערציילט ער פאַר זיי מעשיות, איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער; און אַלץ וואָס ער דערציילט דאַרף מען אים גלויבן אויף נאמנות; ער איז דאָך עפּעס אַן אייניקל פונעם „גרויסן יידן"; ער, בן־ציון, וועט דאָך ניט זאָגן קיין ליגן; ער איז בלויז אַ בעל־דמיון; ער טראַכט זיי טאַקע אויס, נאָר ער גלויבט אַליין אַז זיי זיינען אמתע מעשיות, און ער וויל אַז זיינע צוהערער זאָלן אויך אַזוי גלויבן; און מען גלויבט אים; עס קאָסט דען טייער דאָס גלויבן?

בן־ציון רעדט, ציט אַ טאָן און פלעכט הושענות.

— איז גיי איך מיר אַזוי איינמאָל ביידערנאַכט פון אַ חתונה, דער זייגער איז שוין איינס, לאַנג נאָך חצות, טראַכט איך זיך, איך וועל אַריינגיין אין שול אַריין און צוגרייטן צום ערשטן מניך. נעם איך אַזוי די שליסל און שליס אויף די שול. איך קום אַריין אינעווייניק — ליכטיק. עס שטייען יידן איינגעוויקלט אין טליתים און שאָקלען זיך; אַלע אויסגעדרייט צו דער וואַנט פון מזרח און קיין פּנימער זעט מען ניט. וואָס טוט זיך עס? טראַכט איך, איצט ביינאַכט, יידן אין טליתים? פאַרשטיי איך דאָך שוין ווער עס זיינען אָט־די לייט. נעם איך מיין שטעקן און נעם קלאַפּן אין שטענדער: איך בין אויף אייך גוזר אַז איר זאָלט אַלע ווי איינער פאַרלאָזן די שול! נאָר זיי רירן זיך ניט פון אָרט; רק זיי שאָקלען זיך און רירן זיך ניט פון אָרט. איך רוף אויס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און זיי הערן מיך ניט! גיב איך דריי מאָל אַ קלאַפּ מיטן שטעקן און רוף אויס: איך בין אויף אייך גוזר און אין זכות פון מיין הייליקן זיידן זאָל מיין וואָרט האָבן אַ שליטה איבער אייך און איר זאָלט תיכף נעלם ווערן פון מקוש קדוש!

דער עולם האָט זיך גענומען רודערן; עס איז געוואָרן אַ רוישיקער ווינט אין אַלע עקן און זיי זיינען פאַרשוואונדן אין חושך אַריין! און אַלע לעכט זיינען תיכף אויסגעלאָשן געוואָרן...

און ערשט ווען ס'איז גוט פינצטער געוואָרן האָב איך אָנגעצונדן אַ ליכט און אַלץ צוגעגרייט פאַרן פאַרן ערשטן מנין.

די אַנדערע צוויי שמשים זיינען געזעסן מיט די מיילער אָפן און געגאַפט. און בן־ציון האָט ווייטער דערציילט:

— וואָס דאַרפט איר מער? איינמאָל ביי דער נאַכט, איך קום אַרויס פונעם אַלטן בית־המדרש, איך הויב אויף מיינע אויגן צום דאַך פון שול, ערשט וואָס דערזע איך: פיר פאַרשוין, ביי יעדן ווינקל פון דאַך אַ פאַרשוין... מען נעמט אַראָפּ דעם דאַך און מען לייגט אים אויף דער ערד. טראַכט איך ביי זיך, וואָס וועט דאָס זיין — אַ שול אָן אַ דאַך? ווייל, ביז מ'האָט שוין דערלעבט צו פאַר־ריכטן דעם דאַך! און ערשט נעמען די „גוטע לייט" אים אַראָפּ! און דאָ אין דרויסן איז פינצטער, קיינער איז ניטאָ אויסער איך און זיי... טאָ וואָס־זשע טוט מען דאָ? יאָ, איך דערמאָן זיך אין מיין גרויסן זיידן; איך גיב אַ קלאַפּ מיטן שטעקן און שריי אויס: „איך בין אויף אייך גוזר ונגזר אינעם זכות פון מיין זיידנס כוח, אַז איר זאָלט תיכף אַרויפטראָגן דעם דאַך צוריק אויף דער שול!"

און וואָס זאָל זיך אייך דאַכטן: סע האָט ניט גענומען קיין רגע און די לייט האָבן געכאַפּט דעם דאַך ביי אַלע פיר עקן ווי אַ פעדער און אים צוריק אַרויפ־געטראָגן אויף דער שול...

איר שפּילט זיך מיט „יענע לייט"?! אָפּגעטון און פאַרשוואונדן אין דער טיפער נאַכט אַריין.

אָט אַזעלכע מעשיות און ענלעכע פלעגט ער דערציילן אָן אַ שיעור און אַלע האָבן אים געגלויבט. דאָס שטעטל האָט טאַקע מורא געהאַט אַרויסצושטעקן אַ פוס אינדרויסן ביידערנאַכט. נישט־גוטע האָבן געהוליעט און געפּלאָנטערט זיך אונטער די פיס: אַ שד, אַ דיבוק און אַנדערע טמא ברואים...

אָט אַזוי האָט בן־ציון געגלויבט באמונה שלימה, אַז נאָר מיט זיין זיידנס כוח האָט ער פאַרטריבן אַלע שדים און בייזע רוחות פון שטעטל...

* * *

אין יענע גרויליקע טעג, ווען די נאַצי־מערדער זיינען אַריין אין שטעטל און גענומען זיך צו דער אויסראָטונג פון די יידן, האָבן זיי אויך דעם „נייעם בית־מדרש" פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּגעשלאָסן פּלאַץ, וואָס איז געווען באַוואַכט פון שטורעם־טרופּן אונטערן באַפעל: קיינער זאָל ניט אַרויס אָן אַ דערלויבעניש, און די יידן זיינען אַזוי געלעגן אין אַנגסט און גרויל, צוזאַמענגעקנוילט מיטן טויט אין זייער געביין, פילנדיק וואָס זיי דערוואַרט. טרעבלינקע איז געווען בלויז אַ פאָר מייל פונעם שטעטל, וואָס האָט געברענט מיט די קרעמאַטאָריע־פייערן אין דער נאַכט אַריין, אַז די יידן האָבן אויסגעמיטן צו קוקן אין די פענצטער אַריין.

בן־ציון איז אויך געווען צווישן זיי און ווי תמיד אין אַן עת־צרה פון נישט־גוטע האָט ער זיך געטשוכעט ווי פון אַ קאָשמאַר: אין מיטן העלן טאָג... נישט־גוטע... און דער כוח פון זיין זיידן איז אויף אים אַראָפּגעפאַלן... אַ שטאָט מיט יידן האָבן געוואַרט אויף זיין קלאַפּ מיטן שטעקן: יידן אין ש־י־י־י־ל אַריין! און אַלע האָבן איילנדיק אויסגעפאָלגט זיין באַפעל... איצט טרייבט מען זיי אויך אין... זאָל ער איצט אפשר אויך אַ קלאַפּ־טאָן מיט זיין זיידנס שטעקן?... ווי צו סליחות־צייט: יידן, האָט אמונה... זייט זיך נישט מיאש...

נאָר פלוצלינג האָט אים אַ שמש פון צווישן די שכנים וואָס האָבן זיך גע־וואַלגערט פאַרשמאַכטע, צעשראָקענע אויף דער ערד, זיך אָפּגערופן: „נו, בן־ציון, וואָס זאָגסטו אַצינד אויף די שכנים?" נאָר בן־ציון איז געלעגן מיט אַ פולן קאָפּ צעטומלטע מחשבות, מיט פינצטערע רעיונות צוקאָפּנס...

* * *

און אַלע ווי איינער זייענען אַוועק קיין טרעבלינקע און מיטן רויך אַרויף צו די הימלען. און די הימלען וועלן בלייבן... אייביקע הימלען.

וואָס־זשע בלייבט פאַרן פאָלק צו זאָגן? יתגדל ויתקדש... צי זכור את...

---

חנה בושעל־סאָלאָוו

## לאַנד פון אונדזערע חלומות

ישראל, איך וואָלט צו דיר קומען,
אין דיינע גערטנער אַריין —
זיך טוליען צו די בלומען,
אונטער גאָלדן זונען־שיין.

און גלעטן דיינע שטיינער,
אין שוים נעמען דיינע זאַמדן!
אַז שטערן וואָלט מיך קיינער,
גיין אויף דיינע פעלדער ראַנדן!

און טרינקען פון דיינע קוואַלן,
אויף די פעלדער זאַנגען בינדן!
וואו די שטראַלן גאָלדיק פאַלן,
ביז שטערן אין הימל זיך צינדן!

ישראל, לאַנד פון אונדזערע טרוימען,
איך הער אין ווייט האַמערס קלינגען!
אונטער בלויע ווייסע רוימען
דיינע זין בויען און זינגען!

בויען זיי פאַבריקן נייע,
בויען היימען, אויף די פעלדער!
דיינע זין, ליבע, געטרייע,
פאַרפלאַנצן גרינע וועלדער!

---

שיקט אַריין אייער אבאָנענטן אָפּצאָל
טוט נאָך דעם שיינעם ביישפּיל פון אַ גרויסער צאָל פון אונדזערע לייענער.

---

יצחק ניומאַן

# די עטיק פון תלמוד

(עסיי)

עטיק איז דער באַגריף פון די באַציאונגען וואָס באַהערשן דעם מענטש און רעגולירן זיינע מעשים, צו קענען אונטערשיידן וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט. איבער אָט דעם פּראָבלעמאַטישן קאָמפּלעקס האָבן פילאָזאָפן פון אַלע צייטן געזוכט צו דערגיין די מיסטעריע פון מענטשנס גייסטיקן שטרעבן, זיינע נאַטור־געוואוינהייטן, זיין מאָראַל און דעם ענדציל צום פולקאָמענעם גליק.

בשעת די גריכישע געלערנטע — פּלאַטאָ און עפּיקור — בויען זייער טעאָריע מיט לייגן גרויס געוויכט אויף דעם כבוד און שטאַלץ פון דעם שטאַט, אַלס דאָס סאַמע העכסטע גליק, קומען די חכמים פון תלמוד און זיינען עס מבטל, און שטעלן פעסט דעם טראָפּ אויף דעם יחיד... אָנשטאָט בויען עטיק אויף נאַטור־וויסנשאַפטלעכע יסודות, פּריידיקן זיי אַ העכערע, אַ מער דויערהאַפטיקע מאָראַל...

די חכמים פון תלמוד פרעגן: וואָס איז דער בעסטער וועג וואָס דער מענטש זאָל זיך אויסקלייבן, צו קענען דערגיין צום אמתן גליק און פולקאָמענהייט?

אַנטיגנוס איש סוכו זאָגט: „זייט ווי דינער וואָס טוען זייער אַרבעט — על מנת שלא לקבל פּרס" — ניט פאַר באַלוינונג נאָר פאַר ליבשאַפט. בן־עזאי זאָגט: „דער לוין פאַר דער גוטער טאַט איז די טאַט אַליין — שכר מצוה מצוה."

פאַר דער טעאָריע פון זוכן גליק אין העכערע אייגנשאַפטן, האָבן די חכמי התלמוד געזען אַ וואונק, אַ רמז אין דער חומש לעגענדע פון יעקבס חלום: —

„אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און איר שפּיץ דערגרייכט די הימלען, און די מלאכים גייען אַרויף און אַראָפּ." דער וועג אַרויף איז צו גוטע מעשים, און דער וועג אַרונטער — צו שלעכטע מעשים. די לייטער שטייט טאַקע אויף דער ערד, אָבער איר שפּיץ — דער אידעאַל, איז געווענדט אַרויף צום הימל... דער הבט השמימה געדאַנק איז דער העכסטער באַגריף פון זייער עטיק...

אַ צווייטער ביישפּיל ווי אַזוי די חכמים האָבן געלערנט און געטייטשט די היכע מאָראַל געזעצן: אין דער מלחמה פון משה מיט עמלקן ווערט דערציילט אין חומש: „ווען משה האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אין דער הויך, איז עמלק געוואָרן שוואַך, און ווען משה האָט אַרונטערגעלאָזן זיין האַנט, איז עמלק געוואָרן שטאַרק". פרעגט די גמרא: „האָט משה געהאַלטן מלחמה מיט עמלקן דורך הויבן די הענט אַרויף און אַראָפּ?" און די גמרא ענטפערט: „עס איז נאָר אַ משל: כל־זמן יידן האָבן גלויבן און בטחון אין העכערע הימלישע אידעאַלן, האָבן זיי געזיגט; פאַרקערט — ווען יידן זיינען געווען געפאַלן ביי זיך, אָפּגעלאָזן, אָן גלויבן, אָן בטחון, האָט דער שונא געזיגט...

אויך אין דער שילדערונג אין דער סדרה חוקת: „ווען די פייער־שלאַנגען האָבן געביסן דאָס פאָלק ישראל אין דער מדבר, ווייל זיי האָבן געלעסטערט גאָט, זאָגט גאָט צו משהן: גיי מאַך אַ קופּערנעם שלאַנג, טו אים אַרויף אויף אַ דראָנג (שטאַנג) אויפן באַרג, און עס וועט זיין, אַז אַ שלאַנג וועט עמיצן בייסן, זאָל ער קוקן אַרויף צום הימל און ער וועט געהיילט ווערן. פרעגן די חכמים: קענען קופּערנע שלאַנגען היילן קראַנקע ? און דער ענטפער איז: עס איז אַ משל אַזאַ:

ווען איינער האָט גלויבן אין גאָט, ווערט ער געהיילט, און די תורה רעדט אין דער מענטשלעכער סעמאַנטיק — „דברה תורה כלשון בני אדם." דאָ זעט זיך בולט די כוונה צו דעמאַנסטרירן דעם „הבט השמימה" געדאַנק, תמיד צו פאַר־הערלעכן די העכערע ווערטן...

אויך דער נביא מיכה פאָרמאַלירט די גרונט־פרינציפּן פון עטיק מיט דעם מאָטיוו: „הבט השמימה". די גייסטיקע הימלשע באַגריפן זיינען דער העכסטער מאָראַל. דער נביא זאָגט: „ער האָט דיר געוויזן, מענטש, וואָס איז גוט און וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון דיר צו טאָן: גערעכטיקייט, ליבן גוטסקייט און גיין באַשיידן אין גאָטס וועגן"...

ערשט שפּעטער, ביי די זקנים, ביי די סופרים, די ערשטע בויער פון דער קאָלעקטיווער זאַמלונג פון תלמוד, פון תורה שבעל־פּה און די תנאים און אמוראים נאָך זיי, באַמערקט זיך שוין נישט דער הימלשער מאָטיוו פון מעטאַפיזישן דענ־קען, נאָר פשוטע קלאָר מענטשלעכע געדאַנקען. זיי די חכמים פון תלמוד, אַלס פאָלקס־לערער, האָבן גערעדט אין אַ מענטשלעכער שפּראַך, און זיי האָבן געזאָגט: „די תורה איז ניט אין הימל" (לא בשמים היא) שטיצנדיק זיך אויפן פסוק: „השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם" — די הימלען פאַר גאָט און די ערד פאַר די מענטשן. און דער מאָטיוו איז ניט מער „הבט השמימה", נאָר דער „וחי בהם". די תורה איז געגעבן אַז דער מענטש זאָל געניסן און הנאה האָבן פון לעבן.

רבי יוסי בן חלפתא זאָגט אין סוכות: „גאָט איז קיינמאָל ניט אַרונטער צו דער ערד און משה אָדער אליהו זיינען קיינמאָל ניט אַרויף אין הימל." ער שטיצט זיך אויף דעם אייגענעם פסוק: „די הימלען זיינען פאַר גאָט און די ערד פאַר די מענטשן." דעריבער געפינען מיר אין תלמוד אַן אוצר פון פּראַקטישע עצות ווי אַזוי דער מענטש זאָל לעבן און זיין גליקלעך. זיין עצהן: „זוך ניט קיין גרויס־קייט פאַר זיך, באַגער ניט קיין כבוד, ווייס דיין אָרט, זיי צופרידן מיט דיין אָרט. ווער איז רייך? — דער וואָס איז אַ שמח בחלקו, איינער וואָס שטעלט זיך צופרידן.

* * *

די געלערנטע פון תלמוד, וועלכע זיינען אין אַ גרויסער צאָל אַליין געווען אַרבעטער, האָבן געהאַט גרויס ליבשאַפט צום אַרבעטער. פאָלגנדע חכמים זיינען באַצייכנט מיט זייערע פאַכן: רבי יוסף — אַ מילנער; רבי ששת — אַ האָלץ־העקער; רבי יצחק — אַ שמיד; רבי יוחנן — אַ שוסטער; רבי אבא — אַ שניידער; בן אבודה — אַ וועבער; רבי זירא — אַ גערטנער; בן סבא — אַ פאַרמער; רבי שמואל — אַ דאָקטאָר; מר עקבא — אַן אַפּטייקער; הלל — אַן ערד־אַרבעטער; אבי אבין — אַ טישלער; רבי עקיבא — אַ פּאַסטוך, א.אַז.וו. פאַרנעמען טאַקע פיל הלכות וועגן אַרבעטער און יעדע הלכה איז געבויט אויף עטישע פּרינציפּן. אַזוי למשל, די הלכה מיט אַ דערקלערונג: דער אַרבעטער קלעטערט די הויכע סקאַפּלען, קריכט אויף די הויכע בערג, גראָבט אין די טיפע־נישן — צו וואָס שטעלט ער אין זיין לעבן, אויב ניט כדי צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט. דעריבער זאָלט איר, אַרבעטס־געבער, זיין פאַרזיכטיק ניט צו דריקן אים, נייערט צאָלן אים די פולע לוין, וואָרים דאָס איז זיין גאַנצער קיום...

אויך נעמט די קורצע ווערטלעך וועגן אַרבעט און אַרבעטער: „האָב ליב אַ

מלאכה און האָב פיינט רבנות"; „דער וואָס האָט אַ מלאכה איז געגליכן צו אַ גאָרטן וואָס האָט אַ שוץ אַרום זיך." און די חכמים האָבן פּראַקטיצירט דאָס וואָס זיי האָבן געפּריידיקט. עס ווערט דערציילט אין תלמוד: „אבא יוסף, אַ גרויסער למדן, איז געווען אַ טאָג־אַרבעטער. איינמאָל בשעת זיין אַרבעט, איז געקומען אַ מאַן מיט אים שמועסן אין לערנען, האָט דער רבי געזאָגט: „איך בין אַ טאָג־אַרבעטער און קאָן ניט איבעררייסן די אַרבעט. זאָג גיך וואָס דו ווילסט און גיי אַוועק"...

דער פּרקי־אבות זאָגט: „דער וואָס לערנט ניט זיין זון קיין מלאכה איז פּונקט ווי ער וואָלט אים געמאַכט פאַר אַ רויבער!" פרעגט די גמרא: טאַקע, ווי קומט עס? און די גמרא דערקלערט: דירעקט רויבעריי לערנט ער אים ניט, אָבער פּוסטעווען, ליידיק גיין, קען ער ווערן אַ רויבער... אַזוי זיינען אויך די הלכות וועגן שאָדנס, וועגן מעשר און שכחה ופאה. זיי האָבן אַלץ געזאָרגט פאַר דעם שוואַכן, פאַר דעם אונטערדריקטן און דעם געפאַלענעם. די אַלע געזעצן וועגן אביון, דעם יתום, די אַלמנה, האָבן זיי געבויט אויף דער ביבלישער עטיק פון יושר.

אָבער דער תלמוד גיט צו אַ פרישן גלאַנץ; זיי האָבן זייערע ווערטער גע־שליפן און געלייטערט און עס איז אַרויס אַ גרויסער אוצר, אַ קאָלעקטיווער קאָסטבאַרע זאַמלונג פון פאָלקלאָר און לעגענדעס. און דאָס וואָס די פריערדיקע געלערנטע, די סופרים, זיינען געווען „ציילער" פון ווערטער און פּסוקים פון דער תורה, זיינען די שפּעטערדיקע חכמים געווען גוטע דערציילער. ווען דאָס טרוקענע הלכות לערנען איז געוואָרן לאַנגווייליק, האָבן די חכמים געביטן דעם טאָן פון ערנסטע צו לייכטערע זאַכן; צו לעגענדעס, אַנעקדאָטן, אַפאָריזמען, פאַב־לען און משלים, וואָס מיר געפינען אין די הונדערטער, און אַלע זיינען מיט אַ מוסר־השכל, מיט אַ טענדענץ צו שטאַרקן די מאָראַלע יסודות, ווי למשל:

„אין לייבס האַלדז איז געבליבן שטעקן אַ ביין, האָט ער פאַרשפּראָכן אַ גוטע באַלוינונג צום פויגל מיטן לאַנגן שנאָבל, און ווען דער פויגל האָט שפּעטער געפאָדערט זיין באַלוינונג, האָט זיך דער לייב אויסגעלאַכט: — דו קאָנסט זיך איצט באַרימען אַז דיין קעפּל איז געווען אין לייבס מויל און ביסט אַרויס גאַנץ." קיינע פירושים זיינען ניט נויטיק. אַלע האָבן פאַרשטאַנען רבי יהושע בן לויס כוונה, ניט מורד צו זיין אין די רוימער, און איז געווען געצילט קעגן רבי עקיבאַס אַגיטאַציע פאַר שטיצן בר־כוכבאן אין זיין קאַמף קעגן די רוימער...

אַ צווייטער פאַבל איז גאָר סימבאָליש: די מעשה מיטן ניט געזעטיקטן אויג. „דער קעניג ינאי האָט געבעטן אַ מתנה פון גן־עדן, איז אים אַראָפּגעפאַלן אַ מענטשלעכער שאַרבן מיט אַן אָפן אויג. ער האָט אָפּגעוואויגן דעם שאַרבן קעגן גאָלד און זילבער און דער שאַרבן האָט אַלץ געצויגן די וואָג אַרונטער. ער האָט געפרעגט אַ תנא אַן עצה, האָט ער אים געהייסן אַרויפלייגן אַביסל ערד אויף דעם אָפענעם אויג, און דאָס האָט לייכטער געמאַכט די וואָג." דער מוסר השכל איז אויך דאָ קלאָר: דער מענטש — כל זמן ער לעבט שרייט ער, הב־הב! גיב מיר נאָך און נאָך, וויפיל איינער האָט וויל ער אַלץ מער. ערשט ווען מ'דעקט צו דעם קבר מיט ערד, ווערט דעם מענטשנס אויג זאַט...

* * *

כדי צו דערגיין די העכסטע מדרגה פון מאָראַל, פּריידיקט דער תלמוד דעם חוב פון לערנען: אַ חוץ אָפּהיטן די מצוות מוז מען אויך זיין אַ יודע תורה — לערנען אַליין און אויך לערנען אַנדערע, און דער וואָס לערנט ניט אַנדערע פאַרשניידט זיך פון דער וועלט (ודלא מוסיף יסיף). וויסן באַרייכערט דעם גייסט און די תורה קומט ניט בירושה. האָסטו וויסן, וואָס פעלט דיר נאָך? אָבער אָן וויסן, וואָס האָסטו דערגרייכט? בלויז לערנען אָן שיינע מידות טויג אויך ניט, ווייל עס איז געגליכן צו אַ חמור וואָס טראָגט אַ גרויסע מאַסע ביכער אויף זיך, אָבער בלייבט אַלץ אַ חמור...

אין זיין בוך „אַלגעמיינע עטיק" זאָגט פּראָפעסאָר שטיינדל: „אין אַלע לערעס פון די אַלטע פעלקער איז קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן צדקה און מעשים טובים ווי אין תלמוד, וואו מען געפינט, אַ חוץ ליבע, יושר און אמת, אויך דאָס וואָרט צדקה, און צדקה ווערט באַצייכנט פאַר דעם העכסטן אויסדרוק פון קאָלעקטיווער אַחריות, און איז איינע פון די זיילן אויף וועלכע די וועלט שפּאַרט זיך אָן. ווי עס זאָגט זיך אין פּרק: אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט — אויף תורה, עבודה, און גמילת חסדים, און ניט נאָר העלפן יענעם מיט געלט, נאָר אויך מיט אַן עצה, אַ גוט וואָרט פון טרייסט, און ניט בלויז צו אָרעמע, נאָר אויך צו רייכע אפילו צו טויטע. גיין צו אַ לויה הייסט אַ חסד של אמת, און די גמרא לערנט: „געבענטשט זיינען די וועלכע גיבן צדקה און טאָפּלט געבענטשט זיינען די וועלכע געבן גיך און מיט פרייד."

גרויסע וועלט-פּאָעטן, ווי לאָנגפעלאָ און היינע, זיינען באַגייסטערט מיט דער עטיק פון די לעגענדן אין תלמוד. אין איינער פון זיינע באַרימטע פּאָעמען שרייבט היינע: „האָסטו געלייענט פון אַמאָל,/ לעגענדעס דערציילט אָן אַ צאָל,/ פון מעכטיק געטלעך געזאַנג,/ הימלען לויב און תפילה קלאַנג..."

היינע זעט אין דער מיסטיק פון תלמוד אַ גרויסן בייטראָג צו דער גאַנצער מאָדערנער ציוויליזאַציע און ער זאָגט: די שיינע לעגענדן פון די אַלטע קלוגע תלמודיסטן האָבן געצונדן אַ הייליק פייער פאַר אַלע שפּעטערדיקע דורות מאַרטירער, דיכטער און טרוימער.

אַ גאָר גרויסער בייטראָג צו דער מענטשלעכער ציווילער רעכט זיינען די כללים בנוגע רעכט און ריכטער. זיי לערנען: „זיי איינגעהאַלטן מיט דיין אור־טייל; באַשולדיק ניט יענעם ביז דו קומסט ניט אין זיין לאַגע; ודרשת וחקרת, זוך און פאָרש די סיבות וואָס האָבן געפירט צום פאַרברעכן..." זיי האָבן אויך געלערנט וועגן סביבה און איינפלוס: „דערווייטער זיך פון אַ שלעכטן שכן; חבר זיך ניט מיט בייזע מענטשן, און שרעק זיך ניט פאַר קיין אומגליק"... און וועגן טאָלעראַנץ און הומאַניטעט לערנט דער תלמוד: זיי דן יעדן מענטשן צום גוטן. די גמרא אין חולין זאָגט: עס איז אַ חטא אָפּצונאַרן אפילו אַ געצנדינער.

דער ליבערלאַער גייסט פון תלמוד דריקט זיך אויס אין פאַרהייליקן דאָס לעבן, אַז טאָן זאַכן מיט גאָט אין האַרצן איז דער אמתער גלויבן. און ווי די בלום עפנט איר האַרץ צו דער הויך, אַזו זאָל דער מענטש עפענען זיין האַרץ צו העכערע ענינים...

---

**אויפמערקזאַם אַבאָנענטן!** מיר בעטן אייך אונדז לאָזן וויסן ווען איר בייט אייער אַדרעס, אָדער ווען איר דערהאַלט נישט רעגולאַר דעם „חשובון."

---

גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד

# אין מאָמענטן פון אומרו

(סקיצע)

ליובאַ איז אַהיימגעקומען פון קאָנצערט אין אַ געדריקטער שטימונג. איר פּנים און די טונקל־ברוינע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַן אינערלעכע גייס־טיקע צערודערונג.

ליובא איז אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אַביסל העכער פון מיטעלן וואוקס. אירע טונקל־ברוינע האָר, פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּ, ליגן אויף איר קאָפּ ווי אַ קרוין, וואָס גיט איר אַ סך ווירדע און שיינקייט. כאָטש די דורכגעלעבטע יאָרן האָבן אויף איר פּנים איבערגעלאָזט קאָנטיקע סמנים, זעט זי אָבער אויס נאָך גאַנץ יונג.

אין שטוב האָט ליובאַ אויטאָמאַטיש אַרומגענומען מיט אַ בליק דעם אַרום איר, ווי וועלן ביי דעם מאָמענט געפינען די סיבה פון איר איצטיקער פּלוצלינגער אומרו. זי איז צו צום שפּיגל און אַ גלעט געטאָן אירע האָר, און אין געדאַנק און אין אַלע אירע גלידער האָט זי נאָך אַלץ געפילט די מוזיק־קלאַנגען פון שטראַוסעס „סימפאָניע דאָמעסטיק", וועלכע האָט אויף איר געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז נאָך דאָרטן, אין קאָנצערט־זאַל, האָט עפּעס אַן אומדערקלערלעכע בענקשאַפט איר אַרומגענומען.

מיט איר בליק האָט זי נאָכאַמאָל אַרומגענומען דאָס צימער, האָט זיך דער־נאָך אַ וואָרף געטאָן אויפן דיוואַן און זיך שטאַרק צעוויינט...

זאָל עס טאַקע זיין אַז די מוזיק, אין וועלכער ריכאַרד שטראַוס האָט אַזוי געניאַל אַרויסגעבראַכט די פרייד און לייד פון פאַרהייראַטן לעבן, האָט אויף איר אַזוי שטאַרק געווירקט? זי האָט איצט דערפילט איר אַליינקייט; האָט זיך איר באמת צוריק פאַרבענקט נאָך דעם פאַרהייראַטן לעבן? נאָך דער איינגעפונדע־וועטער באַלעבאַטישקייט מיט אַ זיכערקייט פון עקזיסטענץ? האָט זי דען ניט אַליין, מיט איר אייגענעם ווילן, באַפרייט זיך פון איר „דאָמעסטיצירטן" לעבן? פאַרוואָס־זשע האָט עס איצט ביים הערן די מוזיק מיט אַמאָל איר אַזוי צעטרייסלט און מיט אַזאַ אומרו באַהערשט?

ליגנדיק אויפן דיוואַן אין דער פינצטער, האָט זי דורך איר דמיון „געזען" אַלץ וואָס אין איר צימער איז געווען; זי האָט דייטלעך געזען דעם טיש, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל פון צימער, די גרויסע גרינע וואַזע מיט בלומען, וואָס זי האָט היינט אָנגעהויבן צו מאָלן, פון וועלכער עס האָט זיך נאָך געפילט דער פרישער אַראָמאַט איבערן צימער; זי האָט געזען די פּאָליצעס מיט ביכער אין די ווענט צווישן וועלכע עס געפינען זיך די מערסטע צאָל ביכער וועגן מאַלעריי, וואָס האָט איר אַממערסטן אינטערעסירט. זי האָט גוט געוואוסט, אַז אויב זי וויל „וואַקסן" אין איר אַרבעט, ביסטו אַזוי ווי די ערד, וועלכע מען מוז באַאַרבעטן און באַוואַסערן. אַזוי נעמט זי אַרום אַלץ, און עס באַהויכט איר מיט נאָענטקייט און וואַרעמקייט. און ווען זי צינדט אָן די ליכט אין איר צימער, זעט זי פאַר זיך אירע געמאָלענע סוזשעטן, וועלכע קוקן אויף איר ווי לעבעדיקע עדות פון איר איצטיק אויסגעפילט לעבן; זי דערפילט ממש די שטימונגען אונטער וועלכע זי האָט יעדעס בילד געמאָלן.

עס דערמאָנט איר ווען זי איז געווען אין אַ באַוואוסטער קינסטלער קאָלאָניע, האָט זי געטראָפן איינעם פון די גוטע מאָלער און אים געבעטן ער זאָל איר געבן זיין מיינונג וועגן אירע מאָלערייען. און ווי איבערראַשט זי איז געווען פון זיינע דערמוטיקטע ווערטער, אַז זי פאַרמאָגט טאַלאַנט. די ווירקונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט ממש פאַר נעכט ניט געקענט שלאָפן, און אַלץ אין איר האָט געזונגען... עס האָט איר געגעבן צוטרוי צו זיך און געהאָפט פאַר אנערקענונג און צו קאָנען מיט דער צייט האָבן אַן אויסשטעלונג.

איצט קלערט זי, ווי שווער עס איז איר אָנגעקומען צו פאַרלאָזן די היים, דעם מאַן און אַלץ וואָס דאָס איינגעפונדעוועטע לעבן האָט געהאַט מיט זיך. נעכט גאַנצע פלעגט זי ליגן און קלערן, וואָס זאָל זי טאָן? אָבער דער וואונטש צו זיין זעלבסטשטענדיק האָט גובר געווען און זי האָט דאָך פאַרלאָזן די היים און איז אַוועק. מיטן איבעררייס פון איר איצטיק לעבן, האָט זי געטראַכט, וועט זי געפינען דעם ענטפער צו איר אָנהאַלטנדיקער אומרו...

אויך קומט איר איצט אויפן געדאַנק יענע צייט: שווער איז איר אָנגעקומען אָט־דער אומבייט אין איר לעבן. ניט האָבנדיק קיין פאַך אין האַנט, איז איר אויסגעקומען צו אַרבעטן ווי אַ פאַרקויפערין פון פרויען־קליידער; געאַרבעט לאַנגע שטונדן, איז איר ניט געבליבן קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט עפּעס גייסטיקעס, וואָס דאָס איז געווען איר הויפּט טרייב־קראַפט.

איינמאָל האָט אַ פריינט זי רעקאָמענדירט צו אַ פּאָר־פּאָלק אויף אַכטונג צו געבן אויף אַ קינד, און אויך טאָן לייכטע הויז־אַרבעט. אין איר „נייע" היים האָט זי אַרום זיך געפונען אַ וואונדערלעכע קולטורעלע אַטמאָספערע און גענוג פרייע צייט פאַר זיך. זי איז אַוועק אין אַן אָוונט־שול, געלייענט ביכער און שטודירט די ליטעראַטור איבער מאָלעריי. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר איר גע־עפנט! זי האָט דאַרשטיק געשלונגען יעדעס וואָרט, ביז זי האָט דערפילט אַז זי איז נאָענט צו איר הייסטן וואונטש — צום מאָלן.

אין איינעם פון איר שפּאַצירן איבער די בילדער־גאַלערייען איז זי איינמאָל אַריין צו אַן אויסשטעלונג פון מאָדערנע מאָלעריי. זי איז געבליבן שטיין מיט אויפמערקזאַמקייט ביי איין בילד, וואָס האָט איר פאַראינטריגירט און האָט נאָכ־דעם זיך געווענדט צו איינעם וואָס איז געשטאַנען דערנעבן און אים אַ פרעג געטאָן: — צי קאָנט איר מיר דערקלערן, וואָס מיינט אָט דאָס בילד?! מיר דוכט, אַז איך וואָלט עס אויך אַזוי געקאָנט מאָלן און אפשר בעסער? כאָטש איך בין ניט קיין מאָלערין. זי האָט זיך דערנאָך שטאַרק פאַרשעמט, ווען דער מענטש האָט איר גוטמוטיק אָנגעקוקט און אַ זאָג געטאָן: — דאָס בין איך דער מאָלער פון דעם בילד. זעט איר, אויב איר גלויבט אַז איר קאָנט דאָס אויך מאָלן נאָך „אפשר בעסער", נאָט אייך מיין קאַרטעלע און קומט צו מיר אין סטודיאָ; איך וועל אייך געבן די געלעגנהייט צו ווייזן וואָס איר קענט!

נאָכדעם ווען זי האָט אַ פאַרשעמטע פאַרלאָזן די אויסשטעלונג איז איר שווער געווען צו באַנעמען דעם ריכטיקן זין פון דעם מאָלערס רייד: האָט ער פון איר געשפּאַסט אָדער?... אָבער זיין קאַרטעלע האָט זי אַריינגעלייגט אין טאַש און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, געטריבן ווי פון אַ געהיימען כוח, איז זי אַוועק צו אים אין סטודיאָ.

עס זיינען פון דאַן אָן פאַרלאָפן אַ סך יאָרן, יאָרן שווערע, יאָרן גליקלעכע. די גרויסע פרייד פון מאָלן האָט ווי אין פיבער זי געהאַלטן. זי האָט געקוקט איצט אויף אירע בילדער מיט גוואַלדיקער צופרידנקייט: זיי האָבן אויסגעפילט איר גאַנצן לעבן מיט אַ גייסטיקן גענוס פון געמאָלן זיי!

זי האָט תמיד געהאַט דאָס געפיל, אַז ווען זי איז ניט ביים „איזל", פאַרלירט זי אַ סך! קיין אַנדער זאַך האָט ניט געקענט פאַרנעמען ביי איר די פרייד פון מאָלן. טאָ ווי קומט עס, וואָס פלוצלינג האָט זי דערפילט אַזאַ בענקשאַפט און אַזאַ עלנט־קייט?... זאָל עס זיין, מחמת זי איז איצט אַליין? איז עס אמת אַז אַ פרוי איז ניט גענוג צו זיין בלויז אַ קינסטלערין, זי איז באַשאַפן אויך פאַר אַנדערע פונקציעס אין לעבן?...

אַזוי איז זי געלעגן און געטראַכט מיט טרערן אָנגעפילטע אויגן און געזוכט אַן ענטפער אויף איר פלוצימדיקער אומרו... זי האָט פאַרוואָרפן אירע הענט איבערן קאָפּ אין פאַרטראַכטקייט, ביז דאָס בלויע ליכט פון דער לבנה האָט זיך אַריינגעשאַרט אין דער טונקלקייט פון צימער. ביים שיין פון לבנה־ליכט האָט ליובא דערזען אין ווינקל שטייענדיק איר „איזל"; אויפן טישל דערביי זיינען געלעגן די בערשטלעך, פּאַליטרע און פאַרבן. מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ הויב געטאָן, גרינג ווי אַ ווינט וואָלט איר געטראָגן, ברייט צעעפנט אירע גרויסע טונקל־ברוינע אויגן, מיט גרויס וואונדער אין איר בליק. ס'האָט זי אַרומגענומען אַזאַ וואַרעמער, נאָענטער געפיל צו די אַלע שטומע עדות, וועלכע האָבן אַראָפּ־גערעדט צו איר פון די ווענט, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געגעבן איר אַזוי פיל פרייד און גליק!... זי האָט אַ שאַר געטאָן פון זיך די אַלע אָנגעלאָפענע שטימונגען, געפילן, וואָס האָבן זי אַזוי שווער, מאָמענטנווייז געמאַטערט... זי האָט אויפגע־הויבן אירע הענט, ווי זי וואָלט גאָט געדאַנקט פאַר געבן איר דעם אויסדויער און געדולד, און האָט הויך אַ זאָג געטאָן צו זיך:

יאָ, ס'האָט זיך געלוינט! איר האָט אַלץ גובר געווען, אַלץ...

---

## אַ ניי בוך פון יעקב זינגער

איז אַריין אין דרוק אַ גרעסערער ראָמאַן, וואו דער מחבר גיט אויף אַ ברייטע קאַנווע אַ טיפן אַריינבליק און די פּראָבלעמען און ראַנגלענישן פון צוויי דורות יידן אין אַמעריקע. די האַנדלונג פון די העלדן זיינען רעאַליסטישע, גענומען פון דרום קאַליפאָרניע.

---

**דער צענטער יאָרצייט** נאָך די אומגעבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שריי־בער, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יידישן קולטור קלוב. אין דער אַקאַדעמיע האָבן אנטייל גענומען: סערגיי גוטקעוויטש, באַקאַנטער קולטור־עסקן און לעק־טאָר, האָט אַלזייטיק אַרומגענומען דעם ענין וועגן דעם סטאַלין־רעזשים און זיין נאָכאַנאַנדיקע פּלאַנירונג פון דעם אומברענגען פון יידישע שאַפער און יידישע קולטור. שמואל קעלעמער, באַוואוסטער זינגער, האָט פאַרגעטראָגן לידער פון פרץ מאַרקיש, ל. קוויטקאָ, מ. קולבאַק, איציק פעפער, א"אַ. די אַקאַדעמיע איז געפירט געוואָרן אונטערן פאַרזיץ פון י. פרידלאַנד.

# חשובע געסט אין לאָס אַנגעלעס

**די דיכטערין אסתר שומיאַטשער־הירשביין**, אונדזער חשובע בת־עיר, וויילנדיק אין ישראל במשך די לעצטע צוויי און אַ האַלב יאָר, האָט זיך איצט צוריקגעקערט קיין ל. א. נאָר אויף אַ קורצע צייט. דער קולטור־קלוב האָט איינגעאָרדנט אַ קבלת־פּנים לכבוד דער דיכטערין, שבת דעם 24טן נאָוועמבער. 1962

אַן עולם פון איבער 300 האָט מיט וואַרעמען אינטערעס זיך צוגעהערט צו איר אינטערעסאַנטן רעפעראַט וועגן דעם לעבן און שאַפן אין ישראל. אסתר האָט אויך געלייענט פון אירע נייע לידער, וואָס זי גרייט צום דרוק א״נ: „באַשערטע ערד.“

אין דער פּראָגראַם פון אָוונט האָבן זיך באַטייליקט: די באַוואוסטע בינע און פילם קינסטלער, דזשאָזעף שילדקרויט און אליהו טענענהאָלץ. זיי האָבן געלייענט דער דיכטערינס לידער; די שוישפּילערין אַניטאַ פריינדליך האָט געזונגען אַ ציקל פון פרץ הירשביינס לידער; דער באַוואוסטער מאָלער מאַקס באַנד און דער שרייבער משה וויסמאַן האָבן באַגריסט דער דיכטערין, און דער פאָרזיצער פון אָוונט, י. פרידלאַנד — מיט ביבליאָגראַפישע נאָטיצן פון אסתר שומיאַטשערס שאַפונגען.

* * *

**ד״ר ש. מאַרגאָשעס** איז געווען דער גאַסט־לעקטאָר ביי דער יערלעכער ייוו״א קאָנפערענץ. במשך דעם חודש צייט וואָס מאַרגאָשעס האָט דאָ געווילט איז ער אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן ביי אַ צאָל קולטור אָרגאַניזאַציעס דאָ אין שטאָט.

* * *

**קאַדיע מאָלאָדאָווסקי**, די באַוואוסטע דיכטערין, איז געווען דער גאַסט פון דעם היגן י. ל. פרץ פאַרלאַג קאָמיטעט (אַן אָפּצווייג פון דעם פרץ פאַרלאַג אין תל־אביב). אויך קאַדיאַ איז דאָ אויפגעטראָטן ביי אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס.

* * *

**נחמיה צוקער**, באַוואוסטער שריפטשטעלער, איז דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דעם ה. ד. נאָמבערג שרייבער פאַראיין אין אַרגענטינע, פאָרט איצט אַרום איבער די שטאָטן מיט אַ שרייבערישע שליחות; האָט געווילט עטלעכע וואָכן אין ל.א. דער קולטור קלוב האָט איינגעאָרדנט פאַר אים אַ קבלת פּנים אויף שבת אָוונט דעם 12טן יאַנואַר, 1963. דער גאַסט טרעט דאָ אויף מיט אַ צאָל רעפעראַטן. נחום צוקער איז אַ מחבר פון אַ 15 ביכער פון פאַרשידענעם זשאַנער, אַ זייער פיינער לעקטאָר, טעאַטראַל און רעציטאַטאָר פון זיינע אייגענע שאַפונגען.

* * *

**ב. שעפנער**, באַוואוסטער שריפטשטעלער, פּעליטאָניסט און גלענצענדער לעקטאָר, שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס“, איז געווען דער גאַסט פון היגן אַרבעטער רינג און סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד; האָט געהאַלטן אַ פּאָר גייסטרייכע רעפעראַטן, פון וועלכע דער עולם האָט גאָר שטאַרק הנאה געהאַט.

## אַ ליטעראַרישע מסיבה פון די „חשבוניאַנער"

אין שטוב פון קאָלעגע ז. בונין און זיין ליבע פרוי יעטאַ, איז געווען אַן אינטימער צוזאַמענקום לכבוד דעם צוריקקער פון ניו־יאָרק, אונדזערע קאָלעגן מאַטעס דייטש און נח גאָלדבערג און זיין פרוי לאה.

דער דיכטער ז. בונין האָט געפירט דעם פאָרזיץ פון אָוונט. נח גאָלדבערג האָט איבערגעגעבן אַ קורצן באַריכט פון ניו־יאָרקער שרייבערישער סביבה און, אַז ער האָט זייענדיק די צווי און אַ האַלב יאָר דאָרטן, באַוויזן אָנצושרייבן אַ היפשן ראָמאַן א"נ: „ווילד גראָז", וואָס וועט בקרוב אַריין אין דרוק.

מאַטעס דייטש האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דעם ענין: שרייבער און סביבה אין ניו־יאָרק. „אַ גאַסט פאַר אַ ווייל זעט פאַר אַ מייל." ער האָט באַזוכט דעם רוב וויכטיקע מסיבות, בעת ער האָט געווילט דאָרטן: געווען ביי אַ גרעסערע מסיבה פון „פּ־ע־ן" קלוב, ביי וועלכע ער האָט געהאַט דעם כבוד אויפצוטרעטן מיט אַ קורצער עסיי; ער האָט אויך איבערגעגעבן וועגן דער פּלאַנירונג פון פּע"ן קלוב צו רופן אַ וועלט־קאָנפערענץ פון יידישע שרייבער אין האַרבסט 1963, און בכלל דערציילט זיינע איינדרוקן פון דאָרטיקן יידישן שרייבערטום. אויך אין שיקאַגע האָבן אים זיינע פריינט און קאָלעגן אויפגענומען בסבר פנים יפות.

דער דכטער ז. בונין האָט פאָרגעליינט זיינס אַ ליד און אַ קאַפּיטל זכרונות וואָס ער גרייט צום דרוק. ס'האָבן אויך געליינט א. באַביטש און מרים מעלצער.

דער רעדאַקטאָר י. פ. האָט גערעדט וועגן דעם מצב פון אונדזער שריפט, אַז דער 32טער נומער „חשבון" איז שוין אין דרוק. און וואָס שייך די פינאַנציעלע מיטלען אויפצוהאַלטן די שריפט, זיינען עס באַך אַלץ די שרייבער גופא, אין דער ערשטער רייי, די אַבאָנענטן און די געציילטע ערנסטע פריינט פון יידיש, אויף וועלכע „חשבון" קען זיך שטיצן.

## לכבוד דער דערשיינונג פון דאָס בוך „אין טעג פון גרעאַנגל"

פון י. פריידלאַנד, האָט דער ל. א. יידישער קולטור קלוב איינגעאָרדנט אַ קבלת־פנים, שבת אָוונט, דעם 10טן נאָוועמבער. פאָרזיצער, דיכטער פינטשע בערמאַן, האָט געעפנט דעם אָוונט מיט אַ פייערלעכן אַריינפיר; האָט געליינט אַ צאָל טעלעגראַמעס, שריפטלעכע באַגריסונגען פון ניו־יאָרקער „פעז", פון דיכטער מאַטעס דייטש; פון דעם נאָוועליסט נח גאָלדבערג; דראַמאַטורג יעקב זינגער; פון קולטור קלוב האָט באַגריסט תנחום ברייס; פון דעם בוך־קאָמיטעט, יצחק סאַפּיאַן; פון „חשבון" דער דיכטער ז. בונין, און פון היגן פּע"ן קלוב, די דיכ־טערין מלכה טוזמאַן. מלכה האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף די תוכיקע שליחות פון שרייבער און אויך ציטירט פון דעם מחברס בוך אַ פּאָר פּאָעטישע פראַגמענטן פון דער גרעסערער דערציילונג „סיימאָן סאַפּיר."

אין דער קינסטלערישער טייל פון דעם פּראָגראַם איז אויפגעטראָטן דער בינע און פילם־קינסטלער, אליהו טענענהאָלץ, מיט אַ פאָרלייענונג פון אַ דער־ציילונג פון בוך: „אַ מענטש אַ חקרן," מיט געזאַנג נומערן פון אונדזער ליטע־ראַטור איז אויפגעטראָטן נתן קאַצמאַן. מיט אַן אָפּשאַצונג פון בוך האָט רעפע־רירט דער באַקאַנטער זשורנאַליסט, ה. לאַנג. דער מחבר, אין זיין שלוס־וואָרט, האָט באַדאַנקט דעם קולטור־קלוב, דעם בוך־קאָמיטעט און דעם גאַר היפשן עולם, וואָס איז געקומען צו דער פייערונג.

# חבל על דאבדין ולא משתכחין!

צום גרויס באַדויערן, קומט אונדז אויס אין יעדער אויסגאַבע צו פאַרצייכענען אַ צאָל אבידות פון אַנגעזעענע שריפטשטעלער און קולטור עסקנים. במשך די לעצטע עטלעכע וואָכן האָבן מיר דאָ אין ל. א. געליטן אַ באַדייטנדיקן פאַרלוסט פון עטלעכע איבערגעגעבענע קולטור־טוער פון אונדזער יידיש־יידישן סעקטאָר:

**ליזע שאַר ע״ה:** אַן איבערגעגעבענע קולטור־טוערין איין אונדזער היגער סביבה, איז נפטר געוואָרן סוף אָקטאָבער, 1962. איר וואַרעמער אינטערעס פאַר יידישער ליטעראַטור איז געווען גוט באַקאַנט ניט נאָר אין די היגע קולטור קרייזן, נייערט אויך אין די שריפטשטעלערישע קרייזן אין ניו־יאָרק.

אַן איינדרוקספולער שלושים אָוונט איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער פרעבטיקער היים פון ווילי שאַר, דינסטיק אָוונט, נאָוועמבער 27, אונטער דער ליטונג דעם קולטור־עסקן, משה קאַפּלאַן. מיט פאַסיקע דיכטערישע עלעגיעס זיינען אויפגעטראָטן, אין ליזעס לויטערן אָנדענק, די דיכטערינס: מלכה טוזמאַן, ברכה קודלי, דער בעלעטריסט י. פרידלאַנד, און דער וואָרט־קינסטלער אברהם זיגלבוים. (זע נעקראָלאָג אין דעם נומער).

**בען צוקערמאַן ז״ל:** גוט באַקאַנטער קולטור־עסקן, איז נפטר געוואָרן נאָוועמבער 10. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער, בלב ונפש, טוער און קעמפער פאַר די נאַציאָנאַלע אידעאַלן פון יידישן פאָלק: לאַנג־יאָריקער מיטגליד אין דער פועלי ציון באַוועגונג, אַן אַקטיווער טוער אין ל. א. יידישן קולטור קלוב. געווען אַ וואַרעמער ייד און געטאָן אַ סך מעשים טובים אין זיין לעבן.

מאָנטיק אָוונט, דעם 10טן דעצעמבער, האָט דער ל. א. קולטור קלוב דורכגעפירט צו שלושים, אַן הזכרה נאָך בען צוקערמאַן. מיט הספדים זיינען אויפגעטראָטן: זלמן זילבערצווייג, מ. שיפּריס פון „אויפבוי״, און י. פרידלאַנד. די הזכרה איז געווען אונטערן פאָרזיץ פון שלמה צוקערמאַן פון קולטור קלוב.

**יואל גערסאָן ע״ה:** קולטור עסקן און באַקאַנטער בעל מנגן, איז נפטר געוואָרן שבת, דעם 8טן דעצעמבער, 1962.

**ד״ר חיים פּאָמעראַנץ ע״ה:** באַוואוסטער יידישער געלערנטער, איבערגעגעבענער עסקן פאַר דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און דערציאונג, איז געווען פּראָפעסאָר אין רוזוועלט אוניווערסיטעט, שיקאַגאָ, ביי דער קאַטעדרע פון יידישער ליטעראַטור. אונדזער טרייסט צו דער דיכטערין פעסי הירשפעלד פּאָמעראַנץ, די פרוי פון דעם נפטר ז״ל.

**יואל ווייסשטיין** — לאַנג־יאָריקער תושב אין ל. א. — איז נפטר געוואָרן דעם 24טן נאָוועמבער. איז געווען אַן אַקטיווער קולטור־עסקן אין יידיש נאַצ. קרייזן, אין אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג און אין ייוו״א.

כבוד זייער אַלעמענס הייליקן אָנדענק.

# אָפּרופן פון חשובע שריפטשטעלער אויף דעם בוך „אין טעג פון גערענגל״ פון י. פרידלאַנד

**פּראָפ. סאָול ליפּצין**, באַוואוסטער יידיש־געלערנטער, מיט־רעדאַקטאָר פון דעם ליטעראַרישן „דזשואיש בוקלענד״:

טייערער פריינד פרידלאַנד: איך האָב נאָר וואָס פאַרענדיקט לייענען „אין טעג פון גערענגל.״ איך האָב גרויס הנאה געהאַט פון דער נאָוועלע, בעיקר אייער וואַרעמען געפיל פאַר דער נאַטור און אייער טיפן אַריינדרינג אין מענטשלעכן הארץ און נשמה. איך האָב נאָר וואָס אָנגעשיקט אַ רעצענזיע וועגן בוך צום „דזשואיש בוקלענד״, וואָס וועט בלי ספק זיין געדרוקט בקרוב.

עס זעט אויס, אַז ל. א. האַלט אָן די ראָל ווי אַ וויכטיקער צענטער פון יידישער שעפערישקייט.

מיט די בעסטע וואונטשן פאַר נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן,

אופּריכטיק אייער **סאָול ליפּצין** (ירושלים)

**אברהם ווייסבוים**, שרייבער, הומאָריסט און פעליטאָניסט:

פאַר אייער בוך: „אין טעג פון גערענגל״, קומט אייך אַ יישר־כוח! דאָס בוך איז געשריבן מיט טאַלאַנט; די טיפן זיינען זייער לעבעדיק געשילדערט; די נאַטור שילדערונגען זיינען פּרעכטיק געמאָלן. צוזאַמען מיט אייער העלד „סיימאָן״ (זייט 176) וואַנדערט מיט דער לייענער צווישן די בערג אין דער גרויסער שטי־לער איינזאַמקייט און ווערט באַגייסטערט פאַר דער פּרעכטיק שיינער נאַטור! יאָ, פיינע קינסטלערישע שילדערונגען. זייט מצליח אין אייער ליטעראַרישער שאַפונג.

אייער, **אברהם ווייסבוים** (מעקסיקע)

**א. פּאָזי**, באַקאַנטער שריפטשטעלער:

ליבער פריינט און קאָלעגע י. פרידלאַנד:

אַ דאַנק פאַר אייער בוך „אין טעג פון גערענגל״ און אַ יישר־כוח אייך פאַר שאַפן אָט דאָס פיינע בעלעטריסטישע ווערק. איך האָב דאָס בוך איבערגעלייענט פון טאָוול צו טאָוול און מיין הנאה איז געווען גרויס. מיך האָט דער עיקר אינטע־רעסירט די נאָוועלע, וואָס איז אַ המשך פון אייער נאָוועלע „אין יענע טעג״, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. איך האָב געוואָלט וויסן וואוהין עס פירט דער לעבנס־גאַנג פון דעם אידעאַליסט „יואל״, אָט דעם אידעאַלן בחורל, וואָס זיין דרויסנדיק וועלטל „די שטעטל״, איז אַזוי באַגרעניצט, אָבער זיין אידעאַלע וועלט איז אויסגעשפּרייט איבער אומגעהויערע שטחים.

איך האָב אויך הנאה געהאַט צו לייענען אין אייער בוך די נאַטור־בילדער, וואָס ווערן פון אייך אַזוי גוט געמאָלן. זיי לייענען זיך ווי לידער אין פּראָזע. איר זייט איינער פון די זייער ווייניק יידישע שרייבער, וואָס ווייסט און באַגרייפט אַז מענטש טאָר נישט זיין אָפּגעשיידט פון נאַטור, אַז נאַטור ווירקט אויף מענטש אוממיטלבאַר, און אַז אין דרויסן פון נאַטור קאָן מענטש גאָר ניט געמאָלט זיין. קונסט, לויט מיין מיינונג, איז די פעלדאַרבעט פון גייסט, און איר זייט איינער פון די ניט פיל אין צאָל יידישע שרייבער, וואָס האָט אַנטוויקלט אַ שאַפונג שותפות צווישן מענטש און נאַטור.

ווידעראַמאָל: אַ יישר־כוח אייך פאַר „אין טעג פון גערענגל״.

מיט גרוס און בעסטע וואונטשן— **א. פּאָזי** (ניו־יאָרק)

(קאָלעגע א. פּאַזיס אָפּהאַנדלונג פאַרנעמט עטלעכע זייטן. צוליב טעכנישע שוועריקייטן דערלויבן מיר זיך נאָר ציטירן אַ פּאָר פּאַראַגראַפן. — רעד.)

**אברהם ליס,** באַוואוסטער שריפטשטעלער און ליטעראַטור קריטיקער:

אַ דאַנק אייך פאַר אייער „אין טעג פון געראַנגל". כ'האָב בפירוש הנאה געהאַט פון די דערציילונגען, פון דער לעבעדיקייט און די וואַרהאַפטיקע שיל־דערונג. אַזוי איז אויך די גרעסערע נאָוועלע „אין טעג פון געראַנגל". זייער וויכטיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי שילדערן און ברענגען אַרויס אַ נייעם (אויך אין געאָגראַפישן און שטייגערישן זין) שטח אויף דער מאַפּע פון יידישן לעבן און יידישן שאַפן אין אַמעריקע. עס פילט זיך — און דאָס איז אַ זאַך פון גרויס באַדייטונג — אַז פון די געשילדערטע העלדן, סיי די אַרויסגעבראַכטע סיטואַציעס, זיינען אויפגעקומען און אָטעמען פון אַווירקלעכן לעבן און שטרעבן און פון אַ ממשותדיקן באָדן...

דאָס בוך איז אויך אויסערלעך זייער שיין, און ס'איז אַ פאַרגעניגן עס צו האַלטן נעבן זיך...

ווינטש איך אייך אַלדאָס גוטס, איר זאָלט ממשיך זיין אין אייער קולטור־אַרבעט, וואָס איך האָב געזען און געפילט ביי מיין זיין אין אייער מלאכים־שטאָט.

גריסט אַלעמען פון דער יידישער סביבה.

מיט פריינדלעכע גרוסן — אייער, **א. ליס (תל־אביב)**

טייערער י. פרידלאַנד:

באַקומען דעם זשורנאַל „חשבון" און אייער נייעם בוך. ווינטש איך אייך מזל־טוב! זאָלן זיך אייערע גייסטיקע קינדער מערן און מערן און זאָל אונדזער יידיש, אונדזער זאַפטיקער, לויטערער מאַמע־לשון, ווערן רייכער און רייכער.

איר זייט נאָך קיין עין־הרע אַ יונגערמאַנטשיק קעגן מיר. דעם 12טן דעצעמבער ווער איך 89 יאָר; נאָך איין יאָר צו 90.

איך לעב און האָף נאָך צו לעבן, מחמת איך האָב נישט קיין כוח צו שטאַרבן... אייערער ביז משיח וועט קומען בלייב איך—

**י. אַדלער** (קאָוונער)

**מ. גראָס צימערמאַן — תל־אביב.**

לכבוד י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר פון „חשבון"

שוין לאַנג צייט געווען צו דאַנקען אייך פאַר דער פריינדלעכער אויפמערק־זאַמקייט, מיט וועלכער איר שיקט מיר רעגלמעסיק אייער זשורנאַל. מילא, דאַנק איך אייך איצט פאַר דעם „חשבון" — אָן חשבונות. דער זשורנאַל אָטעמט מיט זויבערקייט, מיט גוטער אַטמאָספערע און אַמאָל טוט אַ שמעק פון ווייטנס דער געשמאַקער אַראָמאַט פון חברישן שבת אחים, וואָס רייצט דעם אַפּעטיט, צו זיין דאָרט אַ מחותן, כאָטש ניט אַלץ, פאַרשטייט זיך, דערגרייכט דעם ניוואָ, צו וועלכן דער זשורנאַל שטרעבט.

נעמט אָן אַ האַרציקן גרוס פאַר אייך אַליין און פאַר אַלע חברים, וואָס לייגן צו אַ האַנט צו דעם קיום פון אַ שיינער טריבונע, וואָס האָט אין זיך עפּעס פון יוסטער יונגשאַפט.

אייער מיט חברישקייט — **מ. גראָס־צימערמאַן**

# אריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין רעדאַקציע

**י. פרידלאַנד: „אין טעג פון געראַנגל"**

(נאָוועלן און דערציילונגען) ס'איז דאָס פערטע בוך פונעם מחבר. דאָס בוך האָט צוויי אָפּטיילונגען: 1) אַ גרעסערע נאָוועלע פון 140 זייטן, און 2) „אונטער אַמעריקאַנער הימלען", אַ צאָל גרעסערע און קלענערע דערציי־לונגען פון יידיש־אַמעריקאַנער לעבן. דאָס בוך האָט איבער 250 זייטן, פּראַכטיק שיין אַרויסגעגעבן פון דעם פרידלאַנד בוך קאָמיטעט אין ל.א., 1962, פאַרלאַג „חשבון". צו באַקומען ביים ציק"אָ אין ניו־יאָרק און ביים מחבר, 4375 סאָנסעט דרייווו, לאָס אַנ־געלעס 27, קאַליפ.

* * *

**שלמה סיימאָן: „אויף אייגענע דרכים"**

(אַ חשבון הנפש פון אַ מאָדערנעם יידן). איז אַן אייגנאַרטיק בוך, וואָס יעדער מאָדערנער ייד וואָלט געדאַרפט לייענען און זיך פאַרטראַכטן. דאָס בוך ענטהאַלט 24 קאַפּיטלען אָנגעפּילט מיט דערציילערישע, אויטאָביאָגראַפי־שע זכרונות, מחשבות און געדאַנקען פון פילאָזאָפישע שיטות. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן ביי דעם פאַרלאַג „ייד־בוך" אין בוענאָס איירעס, 1962, און האָט 335 זייטן.

* * *

**זאַמלבוך פון שרייבער פאַראיין**

„ה. ד. נאָמבערג" אין אַרגענטינע, צום יום־טוב פון 40 יאָר עקזיסטענץ. רעד.־קאָלעגיע: אברהם זאַק, יוסף מענדלסאָן און נחמיה צוקער. אינהאַלט 1) פּובליציסטיק, זכרונות און עסייען; 2) דערציילונגען און לידער; 3) לזכרון. 48 באַטייליקטע און 32 שאַפונגען פון נפטרים, וועלכע האָבן געלעבט און גע־שאַפן אין אַרגענטינע. דאָס זאַמלבוך האָט 425 זייטן ליטעראַריש קולטור־ווערטיקן לייען מאַטעריאַל, אַרויסגע־געבן פון שרייבער פאַראיין ה. ד. נאָמ־בער אין אַרגענטינע, 1962.

* * *

**רייזל זשיכלינסקי: „שווייגנדיקע טירן" — לידער**

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון פע"ן קלוב אין ניו־יאָרק, 1962. זע רעצענזיע אין דעם נומער פון מאַ־טעס דייטש.

* * *

**מ. אָליצקי: „פריילעכע טעג"**

לידער, אילוסטרירט פון איזה, מיט אַ פאָרוואָרט פון זלמן יעפּרויקין, אַרויס־געגעבן פון בילדונגס קאָמיטעט פון אַרב. רינג, ניו־יאָרק, 1962.

* * *

**שלמה רויז: איינדרוקן און בילדער**

פון אַ רייזע איבער 12 לענדער פוןביידע זייטן „פּאַרהאַנג" און מדינת ישראל. אַרויסגעגעבן פון מחבר, אין קאָרדאָבאַ, 1962.

* * *

**א. גאָלאָמב: אינטעגראַלע יידישקייט**

(טעאָריע און פּראַקטיק) אַרויסגע־געבן פון מחבר, מעקסיקע, 1962, בראָשירט, 45 זייטן.

* * *

**בלעטער פאַר יידישער דערציאונג**

אַרויסגעגעבן פון וועלט־צענטער פאַר דער יידישער שול ביים יידישן קולטור קאָנגרעס. דערשיינט דריי מאָל אַ יאָר, נומ. 1, 1962.

* * *

**ל. שפּיזמאַן: „חלוצים אין פּוילן"**

אַנטאָלאָגיע פון דער חלוצישער באַ־וועגונג, דריטער באַנד, צוזאַמענגע־שטעלט און רעדאַגירט פון ל. שפּיזמאַן. אַרויסגעגעבן פון ציוניסטישער אַרב. באַוועגונג, ניו־יאָרק 1962. מיטן זוף־צעטל 485 זייטן.

* * *

**יהושע אַלקאַן ע"ה: דראַמאַטישע ווערק**

מיט אַ פאָרוואָרט פונעם דיכטער מאַטעס דייטש, און ביבליאָגראַפישע שטריכן וועגן מחבר. אַרויסגעגעבן דורך דער משפחה, י. ל. פרץ פאַרלאַג.

* * *

נייע יידישע שול י.ל. פרץ יאָר־בוך
אַרויסגעגעבן דורך דער נייער יידי־שער שול אין מעקסיקע, אָקט. 1962.

* * *

הערשל ה. וויינרויך: „קאָמיסאַרן"
ראָמאַן (צוויי בענד) אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, ב. איירעס. ביידע בענד האָבן 670 זייטן.

* * *

אפרים אייזאַקאָוויטש: לידער
פאַרלאַג „פולין" תל אביב, 1962.

* * *

הערש לייב יונג: „העכער די וואָלקנס" (לידער)
האָט צוויי אָפּטיילונגען 435 ז"ז. אויטאָ־פּאָרטרעט פון מחבר. אַרויסגע־געבן און הויפּט פאַרקויף ביים פאַר־לאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1962.

ישראל עמיאָט: „פאַרדעקטע שפּיגלען"
דערציילונגען און סקיצן מיט אַ נאָכ־וואָרט פון מחבר. אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס 1962.

* * *

גאָלדע גוטמאַן קרעמער: „פון דאָס נייַ"
שפּיטאָל־דערציילונגען. בוענאָס איי־רעס, 1962.

* * *

רחל ה. קאָרן: „פון יענער זייט ליד"
פאַרלאַג י.ל. פרץ, 1962, תל־אביב.

* * *

מיכאל וויכערט: „יידישע אַליינ־הילף"
פאַרלאַג מנורה, 1962, תל־אביב.

* * *

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

קינדער־זשורנאַל (רעד. ליפּע לערער, ב.י.); „אונדזער דור" (רעד. יאָסל קאָהן, ב"י); אויפן שוועל (רעד. קאַלעגיע, ב"י); אילוסטרירטע ליט. בלעטער (רעד. משה קנאפהייס); אַרגענטינער ביימעלעך (רעד. זעליג מאַזור); דווקא (רעד. סוסקעוויטש אַרגענטינע) היימיש (רעד. יוסף מגן); אייגנס (רעד. מלך טשעמני); פּראָבלעמען (רעד. אַבא גאָרדין, תל־אביב); אונדזער קיום (רעד. ד"ר ל. קורלאַנד, פּאַריז); שריפטן (רעד. קאַלעגיע, אַרגענטינע).

---

א. באַביטש

## פ ע ד ע ר - ש פּ ר י צ ן

עס איז ניט וויכטיק וויפיל פריינט דו האָסט, נאָר וויפיל דו האַלסט ווירקלעך פאַר אַזעלכע.

* * *

איינער זאָל אָוועקגעבן דאָס לעצטע שטיקל ברויט צו אַ צווייטן, קאָן נאָר טרעפן ערב פסח.

* * *

דער וואָס גייט צו פאַרלעזונגען, דאַרף באַזיצן די קונסט פון געניצן אין זיך.

* * *

גייט אַריבער די גאַסן פאַרזיכטיק, ווייל מיר האָבן ניט ליב צו פאַרלירן די לעזער.

* * *

אָפט וועקט אויף די שעפּס אין דער פרוי, דעם וואָלף אין דעם מאַן.

* * *

קיינער איז ניט אַזוי בלינד, ווי דער וואָס וויל ניט זען.

אונדזער חשובער חבר יוסף ווייבמאַן רעדט ניט בלויז וועגן קולטור נייערט ער שטיצט בממשות די וויכטיקסטע קולטור אונטערנעמונגען. אַזוי האָט ער באַדייטנדיק בייגעשטייערט צום בית שלום עליכם פּראָיעקט אין תּל־אביב און אַנדערע קולטור אונטערנעמונגען. ניט לאַנג צוריק האָט ער בייגעשטייערט אַ סומע צום ביבליאָטעקער פון קולטור קלוב, חבר ב. אוזאָליק, אויף איינצובינדן אַ צאָל וויכטיקע ווערק און...

ווי אַ פריינט פון אונדזער שריפט, וואָס ער שטיצט פון צייט צו צייט, האָט ער אויך דאָס מאָל אונדז ניט פאַרזען. דאָס אייגענע קען מען זאָגן וועגן אונדזער חשובן חבר **שלמה צוקערמאַן**, תחזקנה ידיכם, חבר יוסף ווייבמאַן און שלמה צוקערמאַן. זייט געבענטשט פאַר אייערע מעשים טובים!...

---

חשובער חבר פרידלאַנד:

נעמט צו אונדזער יערלעכןביישטייער פון 10 דאָלער צום „חשבון“. די מיטגלידער פון דעם יהואָש לייען־קרייז שאַצן אָפּ אייער פאַרדינסטפולע אַר־בעט און מיר ווינטשן אייך אַ סך יאָרן אָנצוגיין מיט דעם „חשבון“ פון וועלכן די לייענער האָבן גרויס הנאה.

זייט וואַרעם געגריסט — **קלאַראַ סילבער**, קאַסירער
**חיה ניומאַן**, סעקרעטאַר

* * *

ס'וואָלט געווען אַ יושר גדול, אַז אויך די אַנדערע לייען־קרייזן זאָלן נאָכטאָן דעם שיינעם קולטורעלן ביישפּיל פון דעם יהואָש לייען־קרייז, מיט אַזאַ חשובער באַציאונג צו דער איינציקער שריפט אויף יידיש אין ל. א. (רעד.)

---

# איר ווערט דאָ געפינען אייער נאָמען

## אונזער וואַרעמען דאַנק צו די פאָלגנדיקע פריינט, קאָלעגן, נייע און באַנייטע אַבאָנענטן אויף דעם „חשבון“:

לייזער און מרים מעלצער, משה צוקער (נ.י.), ז. דאָרפמאַן (נ.י.), פראַדל וויינטרויב, מאַקס בלעווויס, אַל. דאַברין, ווילי שאַר, אַנאַ סאַלאָוו, מ. אָרטענשטיין, מ. לובין, מ. גולד, ש. סיגעל, חיים שאַפּיראָ, יוסף זעבלין (פילאַ.), ש. ריווין (קליוולאַנד), ש. שולמאַן, ז. בוניק, י. מאָרגנשטערן (פלאָרידע), א. באַביטש, פ. בערמאַן, פּ. פּאָלאָווסקי, יצחק ניומאַן, יהושע וואַלאַך (ברוקלין), אלי סאָול, אַלעקס ראַבין, י. סטענזער, טש. ליעסין, נ. פּאָדעמבערג, באָריס ווינער, וו. פּאַרפּעל (קעמברידזש, מאַס.), חיים באַרקין (פילאַ.), לוי גאָלדבערג (נ״י), דזש. אַלפּערט, מ. האַרפילד, ישראל גובקין, פרענק העריסאָן, בען סאַפּקין, יהושע ריווין (קליוולאַנד), לייזער מעלצער, האָפמאַן (פּאַרבאַנד צווייג 122), סעמועל בורג (פילאַ.), עלי שוואַרץ (ראָטשעסטער), מאָריס בראַדלעט, ה. וויינ־שעל (מילוואָקי), יהואָש לייען־קרייז, יוסף ווייבמאַן; וו. גראָסמאַן (פילאַדעלפיע), נח גאָלדבערג, י. פּ., שלמה צוקערמאַן.